STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03263

IN HEYDER ARAYN

Mosheh Oved

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה עובד

אין חֶדר אַריין

אין פיער זמנים.

לימודים פאַרן ערשטען זמן - - - אלף־בית און „עלעמענ־טהרה"־בילדונג.

לימודים פאַרן צווייטען זמן - - - - - - - - אויף דעם הויכען הר־השירה.

לימודים פאַרן דריטען זמן - - - - - - - - - - - אַ נייע מעשה בראשית.

לימודים פאַרן פיערטען זמן - אַ מעשה נורא וואָס האָט געטראָפען מיטן בורא.

מיט - - - - - - - - - - - - - אָ פ ק ל אַ נ ג ע ן .

לאָנדאָן, ה׳תש״ו.

1945.

גערדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין,
129, קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

משה עובד
גערצייכנט פון דזשאָן סאָטער.



אין חדר אריין

פֿון

משה עובד







קאָ־קאָראַ־קאָ

א

האָן קרייט,
קאָ־קאָראָ־קאָ!
האָן קרייט,
מיין קאַם
אין פלאַם!
בעלפער שרייט,
קמץ־אלף אָ;
בעלפער שרייט,
בראשית זמן!

ב

האָן קרייט,
קאָ־קאָראָ־קאָ!
הימעל איז פורפור —
פורפור און בלאָה!
בעלפער שרייט,
אין חדר אַריין! —
יעדעס אות
פון שמות
איז פול מיט געוויין.

ג

קרייט האָן,
קאָ־קאָראָ־קאָ!
גענוג שוין, גענוג שוין, געפּופּט!
שרייט בעלפער,
ישראליקעל, דו!
חדר כּסדר רופט!

ד

קומען צופליהען שניי־ווייסע שעה׳ן,
אין הימעל פלאַקערט אַ פלאַמענדיקע פאָהן.
רופט בעלפער,
ו י ק ר א!
רופט האָן,
קאָ־קאָראָ־קאָ!

ה

קרייען און שרייען
בעלפער און האָן,
ו י ק ר א!
קאָ־קאָראָ־קאָ!
— ס׳גן־עדן איז דאָ,
— ס׳גן־עדן איז דאָ —
ביז ס׳קומען צופליהען זילבערנע טעג,
פערשפּרייטען גאָלדענע רגע׳ס ווי מאָהן
אויפן ב מ ד ב ר און ד ב ר י ם וועג.

לימודים פאַרן ערשטען זמן

אלף־בית און „עלעמענטאַרע“ בילדונג

די אידעלעך פון אלף־בית

אינגעלע, אינגעלע,
ווי זעהט אויס אַן **א**?
— אַ אידעל הינטען, אַ אידעל אויבען, אינמיטען אַ חלף,
אַזוי זעהט אויס אַן אלף! אוי, אַזוי זעהט אויס אַן אלף!

ווי זעהט אויס אַ **ג**?
— מיט׳ן פיסעל אין דער ערד, מיט׳ן קעפעל אין הימעל,
אַזוי זעהט אויס אַ גימל! אַזוי זעהט אויס אַ גימל!

ווי זעהט אויס אַ **ו**?
— אַ אידעל מיט אַ שטריימעל, אַ שטריימעל ווי אַ רב,
אַזוי זעהט אויס אַ ואו! אַזוי זעהט אויס אַ ואו!

ווי זעהט אויס אַ **ז**?
— ווי אַ ציטערדיג אידעל פול מיט אויעז,
אַזוי זעהט אויס אַ זויען! אַזוי זעהט אויס אַ זויען! *

ווי זעהט אויס אַ **ט**?
— ווי אַ אידעל טראַגענדיג אַן ארון מיט אַ מת,
אַזוי זעהט אויס אַ טית! אַזוי זעהט אויס אַ טית!

ווי זעהט אויס אַ **י**?
— אַן אות — וואָס ציהט, אַ פינטעלע וואָס בריהט,
אַזוי זעהט אויס אַ איד! אַזוי זעהט אויס אַ איד!

* די ליטוואַקעס וואָס זאָגען זייען, קענען עס גראַמען מיט ווייען.

אינגעלע, אינגעלע,
ווי זעהט אויס אַ ל ?
— רבי'ניו, איך ווייס ! רבי'ניו, איך ווייס !

ער זעהט אויס ווי דער מלמד
פון די אידעלעך פון אלף־בית,
פון די אידעלעך פון אלף־בית !

ווי זעהט אויס אַ מ ?
— אַ אידעל כורעים'דיג טראָגט דעם עול פון שם,
אַזוי, אַזוי זעהט אויס אַ מם ! אַזוי זעהט אויס אַ מם !

און ווי זעהט אויס אַ נ ?
— ווי אַ אידעל, וואָס טראָגט קאַלאָשען אין דער זון,
אַזוי זעהט אויס אַ נון ! אַזוי זעהט אויס אַ נון !

ווי זעהט אויס אַן ע ?
ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד, די מאורות השמים,
אַזוי זעהט אויס אַן עין ! אַזוי זעהט אויס אַן עין !

וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס אידעל אין דער פּ ?
— ער האָט אַ פנים, אַז אַך און וויי !
ער האָט אַ פּנים, אַז אַך און וויי !

ווי זעהט אויס אַ צ ?
— אַ אידעל, וואָס גיט קיינעם קיין עצות ;
אַליין טראָגט ער אַ אידעל אויף די פּלייצעס —
דאָס איז אַ צדיק ! דאָס איז אַ צדיק !

אינגעלע, אינגעלע,
טאָ ווי שיין זעהט אויס אַ ש ?

ענטפּער מיר, איינס, צוויי, דריי,
ענטפּער מיר, ביי די שין פון שדי!!
— ווי דריי אידעלעך, די קרוין פון ציון,
אַזוי שיין זעהט אויס אַ שין,
אַזוי שיין, רבי׳ניו, איז אַ שין.
איי, איי, איי,
אוי, אוי, אוי,
יאָ, יאָ, יאָ,
י ה !

דער ווייגעשריי פון די נקודות

אויף יעדען אות העגגט היינט דער טראָפּ,
טרויערט ווי אַן אבל;
ווי די האַרפּע אויף אַ ווערבע קאָפּ
ביי די טייכען פון בבל.

דער נחת׳דיגער קלאַנג פון קמץ־אלף אָ,
וואָס פון דער קמץ־נעסט האָט אַמאָהל אַרויסגעזונגען
און די הרי׳ יהודה האָבען מיט אַ תענוג אַזאָ,
ווי לונגען פון שטאָהל, אויסגעקלונגען.

די קמץ־גלעקלעך, די אַנטציקטע,
וואָס מיט זיי האָט דבורה איהר האַלז געקראַנצט,
ווען פון נבואות אַ פאַרציקטע,
אַ זיגרייכע זי האָט געטאַנצט.

קוקט אָן, קינדערלעך, די קמצ׳ן ווי זיי זעהן אויס היינט,
ווי אויגען און ברעמען פערווײנט;
מרה־שחורה׳דיגע אויגען —
שרעק און טרויער פון האַרץ געזויגען.

זעהט ווי ס׳טריפט אַרויס צער פון דער יללות־נעסט
פון קמץ־אלף אָ,
ווי דער גלות־פעסט
פערפלייצט ער יעדע רגע פון יעדער שעה.

קוקט זיך צו צום יאָך,
הערט זיך צו צום בראָך,
צום צער פון דער ציירײ,
צו איהר ווײגעשריי.

די טאָפּעלטע ברוסט וואָס האָט געשפּייזט אַמאָהל
דאָס וואָרט מיט „ע׳!״ פון פריידען,
ווי עס איז דאָס פון איהר געוואָרען
אַ טאָפּעלטער טאָהל
פון ווײ און ליידען.

ווי די בעטריבטע אויגען פון לאה׳ן
איז די ציירײ פול מיט וויינען.

און איצט, קינדערלעך, בעטראַכט דעם חולם.
ער האָט אַמאָהל געפלאַטערט איבער׳ן אות,
ווי אַ טערקעל־טויב
אויף דער קריסטאַהלענער שויב
פון אַ מאַרמאָר שלאָס
און געוואָרקעט: אה! אה! אה!

אַט דער חולם
האָט געלעכערט ווי אַ קויל —
דאָס האַרץ פון כדור העולם
פערוואונדעט מיט זיין אוי! אוי!
דעם שם, דעם אדוי—נוי!

די כ און ח באַלאַדע

מיין טאַטע, ר׳ יחיאל שו״ב וש״ץ — *
האָט דער בעלפער דערציילט זיינע תלמידים׳לעך —
האָט פערמאָגט אַ צער־בעלי־חיים׳דיג האַרץ:
נישט געטשעפּעט נישט קיין פליעג, נישט קיין קאַץ,
נישט קיין עקדעש, נישט קיין פּיעפּערנאָטער,
נישט קיין וויזעלטיער, נישט קיין קאָטער.
ער האָט געלעבט בשלום מיט חזרים, עופות און שרצים;
נישט געשלאָגען די קצבים, נישט געמימית׳ט די שקצים!
ער האָט אָבער געהאַט אַ הכשר פון בורא
אין דער טיפער קעשענע פון זיין געוויסען,
געשריבען און געחתמעט ביי דער תורה,
/און שוין אַ שעהן, שעהן ביסעל צוריסען/
צו געהן קעגען פיה און רינדער אין שלאַכט:
קעגען געבונדענע אָקסען, בהמות, קעלבער און שעפּסען,
פאַר אָרימע צו שפּייזען,
פאַר גבירים צו גרעבסען.

* ראשי תיבות פון שוחט ובודק ושליח ציבור.

און ער האָט טאַקי טאָג און נאַכט,
אַ גאַנצע וואָך העלזער געשניטען.
עס האָבען ווי רויטע ימים געראַנען די בלוטען —
די ציגעל פון שחט־הויז רויט
האָבען זיך אַזש ווי לייבען־צונגען באַלעקט;
אַזוי גוט האָט זיי דער טויט
על פי דין־פערגאָסענעם בלוט געשמעקט.

און יעדען ערב־שבת,
בשעת מיין מאַמע האָט געקנעטען טייג אויף חלות
און ליעבלעך די חלות־העלזעלעך געפלאָכטען,
און בשעת דער טאַטע איז געשטאַנען אין הויף פון דלות,
העלזלעך פון עופות געפליקט און געשחטען,
האָב איך דאַן דעם טאַטע׳נס פערבלוטיגטע שטיוועל געפוצט
און מיט פייערדיגע קללות זיך סכנות׳דיג צוהיצט;
געשאָלטען זיך, דאָס שחיטות, דאָס שעבדות, די נויט —
געוואונשען די ב״בים אַ כאָלערעוואַטען טויט.

איינמאָהל האָט דער טאַטע אַ קאַטשקעס האַלז איבערגעשניטען,
זי אַוועקגעשליידערט אין הויף אין סאַמע מיטען.
עס האָט שוין געהאַלטען ביי נעילה פון איהר וועלט,
האָט זי זיך בליציג אויפגעשטעלט,
אַריינגעפלויגען גיך
צו דער מאַמע אין קיך
און אויף דעם שויס פון אָפענעם קרבן־מנחה סידור
אַוועקגעלייגט איהר קאָפּ, ווי אויפ׳ן מזבח אַ ווידער,
און גסיסה׳דיג געכאָרכעלט צו גאָט.
און ווער עס האָט געהערט, דער האָט פערשטאַנען,
אַז קאַטשקעס נשמה איז דאַן אויסגעגאַנגען
מיט׳ן א־ח־ח־ח־ד!

אין חדר אַריין

יענער טאָג, אַ טייערע קינדערלעך, איז שוין געוואָרען פון צייט פערצעהרט,
ס'האָט שוין אַ ווילדער יובל פערבלוטיגט די יאָהרען;
איבערגעלאָזט אויף דעם פנים פון דער ערד
זיינע שענדליכע, אונאויסוואַשבאַרע שפורען.
דאָך יעדעס מאָהל איך באַגעגען אַ כ אָדער ח
אויף די וועגען און שטעגען פון אונזערעביידע לשונות,
יעדעס מאָהל איך כאָרכעל „איך", „זיך", „דיך",
איך הער לאַכן „כאַ־כאַ־כאַ" —
„חבלי לידה של משיח"! —
דערוועקט עס אין מיר די גסיסה־זכרונות.
איך הער דער קאַטשקעס כאָרכעלדיגען רוף
פון איהר האַלז, אויפגעשניטען ווי אַ כ;
איך זעה זי בלוטען אויפ'ן מזבח פון דער ח, —
ואין בית אשר אין שם מת.

קרוין פון טרעהרען

ט ראגענדיג אַ פליט אינגעלע, דאַר און קוואַר,
פון חדר אַהיים,
דורכן דיקסטען חושך פון צרות און צער,
בלוט און גאַל ווי ליים,
האָט דער בעלפער צום אינגעלע אַרויפגעקיקט,
איהם געפרעגט מיט'ן בליק:
— זאָג מיר, מיין קרוין פון טרעהרען,
וואו ביסטו געבוירען?
— אויפ'ן בית־עולם - פוילען,
וואו איך האָב אַלעס פאַרלוירען.

— און לעת־עתה וואוינסטו דאָ ?
— דאָ, וואוין איך, דאָ.

ווי אַזוי, אינגעלע, רעדסטו די ווערטער אַרויס ?
און ווי לייגט דיין נשמה׳לע די אותיות אויס ?
— אַזוי, רבי׳ניו, אַזוי ;
„דאָ״ מיט דער קמץ וואָס טהוט וויי,
„וואוין״ מיט׳ן זיפץ פון אוי !
און אין מיין „איך״ כאַרכעלט די שלאָסע ־ ך,
וואו מייַנע שוועסטערלעך און ברידערלעך
געשחטען ווי שאָף.

האָט דער בעלפער גאָר נישט געזאָגט,
נאָר זיינע טרעהרען אין מויל געגאָגט,
בענשענדיג ס׳אינגעלע מיט אויגען פאַרמאַכט,
ער זאָל כאָטש האָבן אַ גוטע נאַכט.

די שמחה מיט דער ה

צ ו מ א ר ג ע נ ס עס האָט נאָר געטהון טאָגען,
וידבר הבעלפער אל בני ובנות ישראל לאמור אַזוי צו זאָגען:
ווען עס שווינדעלט שוין פאַר די אויגען פון דער א
די נאָז ווי אַ געקרייצטער חלף,
און ס׳בלאָזען שוין אַלע בייזע ווינטען אין דער ב אַריין,
אַזש די ג קען נישט אַרומגיין
און די ד קען נישט איינשטעהן ;

װען די ו װערט שױן, װי די ז,
אַ פּראָפּענציהער פּאַר שכור׳ע גױים
און ס׳ברעכט די ח
האַלז און נאַקען װי ט;

און דאָס אידעלע פיהלט זיך, נעביך, ענג געקװעהלט,
שילט דעם טאָג ער איז געװאָרען אױסדערװעהלט, —
אױסדערװעהלט צו זײן פון אלף־בית דער בעל־הבית!
„װאָס קען נאָך זײן ערגער װי דאָס?“;

װען כ האָט שױן צו כאָרכלען נישט מעהר קײן כוח,
אַזױ פּוסט אין בױך, האַרץ און מוח,
און ל, װי אַ קעמעל אין מדבר, פאַרלױרען,
הימעל־אױװען ברענט, האָפנונג פערפרױרען;

װען ס׳האַלט אין אײן פרעגען דאָס מ׳לע:
„מה! מה! װאָס װיל מע האָבען פון לעמעלע?“
און ס׳װאַנדערט נע־ונד נ מיט לאַנגע ן,
אָהן בעגעהר, אָהן תכלית, אָהן זין;

װען ס איז שױן אַ בעכער,
פול מיט טרעהרען, פול מיט לעכער,
און די ע קיקט! איז בלינד שלאַקערירעװדיג
און דער פ אַ בײן אין האַלז שטיקט;

װען צ װאַרפט זיך װי אַ שלאַנג:
„עד מתי!? װי לאַנג, װי לאַנג?“
און דער לאַנג־בערדיגער, הונדערט־יעהריגער זקן — די ק
זיצט דערנעבען און זיפצט אַזױ טיעף;

ווען רבי ר׳ ר רייצט זיך מיט זיך אַליין נאָך,
אויף אייגענעם בייג און בראָך,
און די ש, די קרוין, די דריי רויריגע
שטייט אַ אויסגעלאָשענע, אַ שטילע, אַ טרויעריגע;

ווען ס׳הינקט שוין אונטער מיט אַ באַנדאַזשירט פיסעל די ת,
גייט שוין פרעגען אַ שאלה אויף אייגען לייב און לעבען צום רב,
און ס׳האַלט שוין כלו כל הקצין, אָט, אָט!
אַ סוף צום אות, צום וואָרט און צום ניצוץ־געבאָט:

ס׳שטעהען שוין אַרום די בעטען די קינדערישע נקודות,
זאָגען שוין מיט די אָטהעמלאָזע אותיות ווידוי׳ס
און די פּתח׳לעך קלאָגען, און די פּינטעלעך טרעהרען,
אַז גאָט קען שוין נישט! קען שוין נישט!
נישט צוזעהן און נישט צוהערען;

שטעלט ע ר אַוועק אַ מופת־שטעקעלע אונטער אַ ד
און ס׳ווערט אַ ה —
א מופת־שטעקעלע, אַ געשיקט אידעלע, געשיקט פון גאָט
און, כהרף־עין, אויפ׳ן אָרט
ווערט דער גאַנצער אלף־בית דורך דער ה
אויסגעהיילט, אויסגעלייזט, און אָטהעמט פריי. —

ווערט פון דער דערשטיקטער ערד אַ הימעל אויפ׳ס׳ניי,
לייכטער פון פוך ווערט דאָס געבאָט פון בליי;
ס׳טאַנצען די אותיות אַרום דער ה,
מיט אַלע קינדערישע נקודות,
שפּרינגען מלאכים רקודות,
און די ה אַליין טאַנצט־מיט מיט זיי.

די שמחה איז גרויס!
עצבות — אויס!
דעם אלף־בית האָט דער איד בעפרייט.
יעדעס אות
אַ מופת־כוס,
פאַר משיח בן דוד אַ ליד איז גרייט.

אידישע האַנדשריפטען

זייט וויסען קינדערלעך
אַז אין אונזער אלף־בית הויז
געהען די געשריבענע אותיות ממש אויס,
זיי ליגען אויסגעלעהגט אויפ׳ן בלאַסען, בלייכען בעטגעוואַנט
און נישטאָ קיין קראַנקען־שוועסטער מיט אַ מוטער־האַנד.

ליגען זיי אַזוי, איינגעקורטשעט, קראַנק
מיט וועהטאָג אין יעדען אבר, נערוו און ביין,
ליגען זיי אַזוי שוין ווער ווייס ווי לאַנג
און קיינער קומט נישט מבקר־חולה זיין.

שמעקט שוין איינער יאָ אַריין,
אויך ער פערציהט די נאָז,
— „כ׳קען דאָ נישט לענגער איינשטעהן!
אויך מיר אַ כתב דאָס!"

ליגען זיי אַזוי, אונזערע האַנדשריפטען,
ווי פערקרימטע נעגעל און שטיפטען,

און אַזוי ווי זיי ליגען אין קראַמפּען און אין וועהען,
פליהען אַוועק די שלאָס־אותיות, ע׳ס און ה׳ען;

בלייבען אָהן פיס, אָהן אויגען, אָהן אָטהעם די קאַליגראַפיען
מיט אַ וואַסערדיגען דם־החיים,
ווי די זילבערנע, אַנעמישע פּילעגריען
פון הײנטיגען שמוק פון ירושלים.

זייט אָבער געטרייסט, קינדערלעך,
נישט אייביג וועט עס בלייבען אַזוי,
אַ ניי לעבען וועט נאָך דער וועלט געבען
ווינדערליך!
אָט דאָס אויסגעדראָשענע שטרוי!

יעדעס אות וועט נאָך ווערען טראָגעדיג
מיט ווייץ, גערשט און קאָרן;
עס וועט נאָך ווערען שלאָגעדיג,
ווי פון בופעל־אָקס דער אויפגערייצטער האָרן.

ווי רויט־אייזערנע ריטער,
וועלען נאָך ל׳ען, ב׳ען און ק׳ען שמייסען,
ווי דער הימלישער געוויטער
פון אל צבאות געהייסען.

די שלאָסע צ׳ס, פ׳ען און כ׳ען
וועלען נאָך ווי לאַסו־שטריק, שקאַפּעס
פאַנגען גאָט׳ס קינדער גנבים;
און מיט ס׳ען בינדען זייערע לאַפּעס
און מיט ג׳ען געדריקטע
אין „קאָזעס״ זיי פערשליסען;

אַן עמך י׳לע זאָל זיך קענען צובליהען
ווי אַ שטאָלצע, שימערירענדע ש
און אַ פּ פון איהר פּירה געניסען.

ווי שפּיעזען, קינזשאַלען און שווערדען
וועלען נאָך די י׳ען, ה׳ען און ו׳ען
אָבשינדען פון קערענדעל אמת זיין שקר־הויט,
ווי די פּעדערען פון די פליגלען
פון מלאכים, שרפים וכרובים,
וועלען זיי פיהרען אַ מלחמת־יה
אויף לעבען און טויט!

אונזערע העלדען פון וואָרט

אין די פּאַר־מלחמה׳דיגע דורות פון שלום ושלוה׳דיגען זיין
האָט דער רוח הקודש געשוועבט איבער היימישע קהילות,
און געפלאַטערט ווי פייערדיגע מגילות.

יעדען אין דער פריה
איז ער צו די קהילות געפלויגען,
„התעוררי! התעוררי! התעוררי!"
גערופען, געשטורמט און געוועקט,
דעם בלאַ־ווייסען טלית מיט דער גאָלדענער עטרה פון שחר
פון שוואַרצען טלית־זאַק אַרויסגעצויגען
און מיט איהם די קהילות צאַהרט באַדעקט.

שוהלען, בתי־מדרשים און הייזלעך סתם,
כורעים פאַלענדיגע, ווי די כוואַליעס פון ים,
געבויט פון אָבגעשפּאַרטען גראַשענדיגען נדן,
האָט ער געקושט, ווי זיי וואָלטען געווען
דעם שטעדטעל׳ס של ראש׳ן און של יד׳ן.

און ער האָט נישט אָבגעטרעטען, —
מיטען שחרית פון פריהמאָרגען,
אַ תיקון פאַר׳ן טאָג געבעטען,
ביז ר׳איז בין מנחה־למעריב געשטאָרבען.

דאַן, קינדערלעך, דאַן
האָט דער רוח הקודש פון דעם שטעדטעל
אַוועקגעלעהגט דעם טאָג, דעם בר מינן,
אויף דעם בין השמשות טהרה־ברעטעל,
מיט טהוי געוואַשען זיינע טויט־וואונדען
און איבער דעם הייליגען מת געוואַכט,
צוזאַמען מיט די שטערען אָנגעצונדען,
אין דעם אוהל פון דער נאַכט.

און פון דעם רוח הקודש דעם פייערדיגען,
וואָס האָט געוועלטיגט אַזוי מעכטיג און אַזוי לאַנג,
אַזש דעם רוח־החיים צו פאַרציקען,
האָט אַרויסגעשטראַהלט און אויסגעשאַהלט אַ געזאַנג,
פאַר וועלכען דעם אור הבוקר׳ס שופר
האָט זיך געטהון בויגען און בוקען,
פאַר די ניגונים וואָס פלעגען אַרויסשאַהלען
פלייצען און רייצען פון רבי׳שע הויפען,
פלעגען די פרימאַדאָנעס פון די נאַכטיגאַלען
זייערע נשמות פאַרקויפען.

אין חדר אַריין

און ווען די קאָלערדיגע קאָלאָראַטורען,
איינגעזאַמעלטע פאַר׳ן היכל־של־שירה
פון אַ וועלט, ביין, וועלטען מיט יאָהרען,
האָבען דערגרייכט צו די שערי שמים,
האָט כביכול אויסגערופען:
„אָט, ווערט פעראייניגט און פערהערלעכט
מיין נאָמען גאָט,
ווי אַמאָהל אחד״,
און געקלונגען „גאָט״ האָט יעדער שטיין
און יעדעס געסעלע ווי אַ קאָמערטאָן „אמן״.

און פון די געראָטענע זרעים, פון די געזאַנגען,
פערפלאַנצט אויף דעם געהייליגטען אָרט,
זיינען אַרויסגעוואַקסען זינפולע קערענדיגע קלאַנגען,
וואָס האָבען באַדעקט די נשמה פון שירה
מיט׳ן לעבעדיגען ביין און פלייש פון וואָרט,
מיט ווערטער כאַלדעאישע־העברעאישע־אַראַמעאישע,
מיט ווערטער אידישע־דייטשע־סלאַווישע:
צוויי לשונות, אוראַלט און גאָר יונג;
אָבערביידע געשליפען אויף די רעדער פון וואַנדערונג;
געשליפען אויף יעדען פלוין, באַרג און טאָהל
פון יבשה, ים און פון ארץ־ישראל.

אַ צוויי־זייטיגע שווערד!
אויסגעשליפען אויף דעם לייב פון דער קיילעכדיגער ערד,
און מיט דער צוויי־זייטיגער, געשליפענער שווערד
אויף די לענדען אָנגעגורט
בלוטיגען איבער דער גאָרער ערד
גאָט׳ס גאָרילעס,
זיי בלוטיגען אין אייגענע קהילות . . .
אונזערע העלדען פון וואָרט.

חכמת־הזמנים

ווילט איהר, קינדערלעך, וויסען ווי אַלט איז וועלט, ווי אַלט איז זי,
טאָ קוקט אייך גוט צו ווי זי קומט יעדען אין דער פריה
אויף דער מעשה־מרכבה צו פאָהרען,
נושא חן צו זיין זי גיט זיך יעדע מיה,
זי טהוט גאָר נישט שפּאָרען.

ווען איהר טאָג ווערט אַלט און גראָה
פאַרבט זי זיך טונקעל איהרע האָר,
און אין פאַרלויף פון איין האַלבער שעה
איז זי מיט ברונעטקע שוין אַ פאָהר.

און צו מאָרגענס נישטאָ קיין שפּור
פון אַ גראָהער אָדער שוואַרצער האָר,
אויס ברונעטקע, זי איז שוין אַ בלאָנדינקע,
אַ פייערדיקע קאָקעטקע ביז גאָר!

קען זיך דאָך אייך, חלילה, דאַכטען,
אַז זי האָט נישט מעהר וואָס צו טהון,
ווי צו קולטיווירען איהרע פּראַכטען
אַלע פיער און צוואַנציג שעה׳ן;

אַז זי האַלט זיך נאָר אין איין צירען,
און וואוינט אין שפּיגעל טאָג און נאַכט,
איהרע קנייטשען צו אינעמאָלירען
און קאָפּירען יוגענד ווי ס׳שמייכעלט, ס׳לאַכט . . .

אין חדר אַריין

הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס!
זי איז געגנוג פערמעכיעט, איבערן קאָפּ
מיט עבודת הפרך פון פעלד און הויז,
לאָקשענברעט, מולטער, באַליע און טאָפּ.

איהר דאַרפט זי זעהן אין הערבסט טעג,
ווי זי אַקערט מיט די לעצטע כוחות,
ווי איהר פּנים איז צושניטען ווי אַ זעג,
ווי זי שעפּטשעט: „מיין אָרים קינד ברויכט עס״.

קומט ווינטער, קליידט זי זיך ווייס,
ווי זיך צו גרייטען צו קבורה,
אויגען מאַט, פינגער — אייז,
פון איהר אָטהעם שלאָגט אַ קרירה!

דאַכט זיך דאָך די העכסטע צייט
צו וואָרנען די חברה־קדישא,
זיי זאָלען זיין צו דער עבודה גרייט,
מקבר צו זיין די שטאַרבענדע אשה.

טאָ וואַרט זשע, טייערינשקע,
נאָך אַ חודש, צוויי, דריי,
וועט איהר זעהן אונזער אַלטיטשקע
ווייטער פריש, יונג און ניי.

מיט אַ פּנים, אַ גאָלדען עפּעלע,
זיס, זאַפטיג און בעקראַנצט,
אַ עפּעלע מיט אַ גאָלדען צעפּעלע,
ס׳גייט נישט, נאָר עס טאַנצט.

קומט זומער־לעבען, בליהט זי ווי אַ רויז
און איז ראוי לחופּה ולמעשים טובים ;
גייט זי אין גאַס שפּאַצירען אַרויס,
קוקען איהר נאָך אַלע שויבען.

בעגעגענט אַ לוח איהר ליכטיג געשטאַלט,
ניי־יעהריג, נייגעריג טוהט ער אַ פרעג :
„זאָג מיר, ווי יונג, ווי אַלט
זיינען דיינע טויטע טעג ?״

ענטפערט איהר שמייכעל דעם קאַלענדאַר :
„אוי, ביסטו אַ קאַליקע, אַ נאַר !
יעדער טאָג, וואָס פערגייט,
לעבט און לאָבט אין דער אייביגקייט !״

תחית־המתים

אויף דער מוצאי יום־טוב לויה,
פון דער חד־גדיא חבריא,
קלימפּערן די צדקה־תציל־ממות פּישקעס ;
בעטלען ברויט פּאַר לעהדיגע קישקעס
מיט אַ קלימפּער אַ מילדען ווילדען : —
„צוויי גילדען ! צוויי גילדען !
צוויי גילדען ! צוויי גילדען !״

פון פעסטונג פון טויט, פון טויט זאַט, איבער זאַט
פליהט אַרויס, חי געלעבט ! דאָס ציגעלע,

אין חדר אַריין

ווי ס׳וואָלט געהאַט אויף יעדען אַקסעלע אַ פליגעלע;
אין מאַרק אַריין ווי אויף שרויפען
טוהט עס לויפען זיך צו פערקויפען
פאַר „צוויי גילדען, צוויי גילדען,
צוויי גילדען, צוויי גילדען!"

און דאָס קעצעלע, חי געלעבט!
שפרינגט אַרויס פון איהר תכריכים־הויט,
ווי עס וואָלט נאָך קיין מאָהל נישט, קיין מאָהל נישט,
געוועזען טויט.
ס׳וואַקסען איהרע זולל־וסובא׳דיגע אַפּעטיטען
שנעלער ווי עס גאַלאָפּירען די מינוטען
און די בלוטען.

און דאָס הינטעלע מיט׳ן גלעקעלע,
מיט׳ן פייערדיגען שטעקעלע,
וואָס זעהט אויס ווי דער סצעפּטער פון אַ קיסר,
שפרינגט, חי געלעבט! אין פייער און אין וואַסער,
פון פייער נאָך הייסער,
פון וואַסער נאָך בלאַסער און נאַסער.

און עס עפענט דער אָקס,
ווי צוויי גילדען, צוויי גילדען,
אויג נאָך אַ אויג:
„אייביג זיין טויט,"
מרוטשעט ער, „צו וואָס טויג? צו וואָס טויג?"
און ער בריקעוועט, חי געלעבט! מיט אַ פוס,
שיקענדיג ערגיץ וואו צו אַ קוה
אַ גרוס פון געגוס.

און פאַר צוויי גילדען, צוויי גילדען שחיטה־געלד
שטעהען אויף שוחטים, חי געלעבט! מ׳שחט אויס אַ וועלט;
מ׳שניידט, מ׳שינדט, מ׳טריבערט, עס געהט אַ רויך,
עס פלאַצט אַזש ערד־האַרץ, ים־בלאָז, לופט־לונג און הימעל־בויך!

און פונ׳ם דונערען פון „צדקה תציל ממות״
און פון בליצען פון „צוויי גילדען, צוויי גילדען,״
שטעהט אויף, חי געלעבט! דער מלאך המות
און בעצאָהלט מיט פראַצענט זיינע שולדען;
ער ווייס נישט פון קיין קאַטאָוועס —
אין גאָט און אין זיינע קינדער
איז ער זיך נוקם ונוטר,
ווי עס קען נאָר אַ מלאך המות,
וואָס איז אַליין געוועזן אַ טויטער! . . .

דער אבן־טוב אין הימעל

הערט צו, בני ישראל,
וועט איך אייער בעלפער אַ מופת־מעשה׳לע דערצעהלען,
אַזש צו ווערען נתפעל.

איין מאָהל האָט זיך
פונ׳ם דיאַמאַנטען־מאַרק טימעל,
אויפגעכאַפּט אַ קאַנאַרעק־ברילי‌אַנט
געפלויגען אַרויף, אַרויף צום הימעל,
גלייך אַריין אין אַ הימעלמאַנ׳ס האַנד.

אין חדר אַריין

ווען הימעלמאַן האָט נאָך געטרעטען אויף דער ערד,
איז איהם שוין געווען פון דער השגחה בעשערט
צו זיין מיט׳ן ברילִיאַנט פנים־אל־פנים בעקאַנט
און מיט זיין פייער אש־להבה׳דיג פערוואַנדט.

איצט האָט הימעלמאַן זיין לאַנדסמאַן קוים דערקענט,
אַזוי שרפים׳דיג האָט ער געלויכטן, געברענט,
ווי אַ חתימה אויף אַ בעפרייאונגס־דאָקומענט,
אַזוי האָט ער דעם הימעל פער׳כשופט פערבלענדט.

ער האָט געשיינט ווי אַ בלאָנד שוועלבעלע
אין אַ גינגאָלדען געוועלבעלע;
ס׳האָט יעדעס שמייכעל זיבעציג שליפען געהאַט,
נישט געקאַנט האָט די זון זיך איינקוקן זאַט.

ער האָט געוואונקט אין הימלישע אויגען אריין
רמזים, ממעמקים, קוים צו פערשטיין;
ער האָט מיט געשטראַהלטע פליעגלען זיך צושפרייט —
נאָר דער אין־סוף ווייס ווי טיעף און ווי ווייט.

שטאָלצע וואָלקענס פאַר זיין הויכקייט זיך געביקט,
קאַלטע ווינטען מיט זיין פייערליכקייט זיך געקוויקט,
ווען דער מאָרגענשטערען איז געשטאַנען שחרית ביי׳ם עמוד
זיינען די טרעהרען פון אבן־טוב געווען זיין נר־תמיד.

זיינע טרעהרען האָבען דייטליך דערצעהלט
פון דעם סדום ועמורה אין דעם דיאַמאַנטען־מאַרק,
נאָר אמת׳ע נביאים זיינען אויסדערוועהלט
צו ליידען ווי דיאַמאַנטען און בלייבען אַזוי שטאַרק.

דער גלות־גאון

וו

י ירושלים׳ס טלית — אונזער נאַציאָנאַלע פאָהן,
ווי אַ בלאַט גמרא — אונזער גלות־גאון.
ווי די משנה׳ שיינט זיין ליכטיגער שטערן, אַ חיות!

ווי רש״י־כתב — אויגען, רמזים ווינקען און פינקעלען,
ווי מהרש״א און תוספות באָמבעלען געקרייזעלטע פיאות,
ווי מפרשים — ברעמען און באָרד טייטעלען צו אַלע ווינקעלען.

מאַכט זיך צווישען די פיאות,
אַ פלפולדיקע פלוגתא, אַ חלוקי־דעות,
שמידען ווי העמער זיינע שלייפען
אַרום די צוזעגטע אויגען שוואַרצע רייפען.

און ער שפאַנט זיך איין צו געפינען אַ פשרה,
צווישען ביידע צדדים פון זיין בלאַט גמרא,
ער רייסט איין וועלטען מיט הענט, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען,
ווי אַ גיבור געפענטעט אין פאַרפלאָנטערטע קייטען.

ער שאַהלט מיט זיין שופר־נאָז
אַ גיגאַנטיש־גאונ׳ישען בלאָז;
ס׳ברעכט אויס אַ שטורם אין ים־התלמוד,
אַ געוואַלד!
אַ מלחמה־יה אין דזשאַנגעל־וואַלד!

ער איז מרעיש עולמות דער גלות־גאון,
וואַרפט זיך אַריין אין שלאַכט, ווי אַ געביסענער האָן:

אין חדר אריין

מה קמשמע לן ? !
אַ פּראָסטער קל וחומר! עיין שם!
ער שרייט אויף זיך: חמור! גולם!
טיפּש וואָס דו ביסט! שוטה איינער!
ער שליידערט מוח־שפּאַלטענדע
פּסוקים און פּוסקים אויף גדולים,
ווי דוד המלך — שטיינער.

אַזוי האַלט מלחמה מעת־לעת׳ן־שעה׳ן
דער וועלט־קאָפּ, אונזער גלות־גאון,
ביז אַן אויסגעמאַטערטער קרעכצט ער: „איי! איי! איי!"
פאַרשטאָפּט מיט אַ שניפּטאַבעק זיין נאָז־ציירײַ,
זיין פּתח־מויל אָטהעמט אויס אַ תענוג׳דיגען „אָהה!"
און צווישען קריגערשע גרענעצען ווערט שלום, שטיל,
פּתח ־ שין — שאָה.

ווישט ער אָב פון שטערען די קרישטאָהלענע קרעלען —
אַ הייטעל פון פריידּ אויף זיין שפּיץ נאָז,
זיינע ציין ווי מצבות קוועלען
פון מנוחה צווישען די מחנות פון אל צבאות.

שטעלט ער זיך אויף פאַרקניפּט דעם גאַרטעל פעסטער,
אין אַלע שרעק און שלעק פאַרגעסט ער,
ער פיהלט ער איז אַן אַרומגעוויקעלט ספר־תורה
און די גאַנצע וועלט — דער ארון קודש פון בורא!...

לאָנדאָנס יחוס

א יינמאהל
אין אַ באָמבאַדירטען מלחמה־טאָג,
האָט דער בעלפער איינגעזאַמעלט די קינדער פון ישראל,
נאָך לאָנדאָנ׳ס העכסטען באַרג געמאַכט אַן אויספלוג;
דאָרט נישט ענטפלעקט קיין נייע לוחות,
און זיי דאָרט אויפן אָרט צובראָכען,
נאָר דערצעהלט לאָנדאָן איהר אונצושטערבאַרען יחוס,
אין אַ צומזיק׳טען אינדערוואָכען
באַגלייטעט ביי די קולות וברקים פון באָמבערס גערמאַנישע
און פון קנאַקעדיגע קוילען בריטאַנישע.

„הער, לאָנדאָן, הער! דיין יחוס איך דערצעהל:
ירושלים, די גאָלדענע שטאָדט, איז דיין גאָלדענע מאַמע —
די מאַמע פון דיין האַרץ און זעל.
מיט איהר הימלישען טהוי האָט זי דיר געוואַשען די אויגען,
די בערג פון ציון האָט זי דיר געגעבען צו זויגען
און מיט דער לעהרע פון סיני און גליל דיך דערצויגען;
בלויז מיט גלויביגען געמיטה,
אָהן אַ קלינגענדיג ליעד,
האָט זי דיך אין דער טהעמזע איינגעוויגט.

מיט שיר המעלות׳ן האָט זי דיינע האָריזאָנטען בעצירט
און מיט דעם סאַנקט פאולס האָט זי דיין קאָפּ געקרוינט
און אילומינירט;
מיט׳ן נר־תמיד האָט זי דיך אויף זיבען ימים געפיהרט,
דיר אָנגעטהון דעם זיידענעם מאַנטעל פון זיבעטען טאָג רוה,
פאַרקלאַמערט מיט׳ן בראָנזענעם שנאַל פון וועסטמינסטער־אַבי;

זי האָט בעפּוצט דײַן לײַב מיט טעמפּלען,
בעהאָנגען דײַן האַלז מיט קאַטעדראַהלען,
מיט די קמיעות דיך צו בעהיטען
פון געצענדינער און קאַניבאַלען.

זי האָט דיך גע׳חתמ׳עט מיט הערליכע יואוועלען,
מיט אַזאַ געטליכער צירונג — סימבאָלען פון אמת,
וואָס מעהר מ׳פערשטעהט זיי,
אַלץ וועניגער קען מען פון זיי דערצעהלען;
ווייל זיי זיינען נישט אונטערטהעניג צייט,
זיי זיינען נישט פּעטריפיצירט אין אַ געשטאַלט,
זיי זיינען נישט געפאָרמט אין רייד —
זיי זיינען אייביג ניי ווי אייביג אַלט.

די ירושות פון דיינע אַנדערע מוטערס און שטיפמוטערס,
די שטיינערנע מויערען און אייזערנע טויערען,
די רוימישע וועגען, געטער, געצען און געזעצען,
די גריכישע און גאָטישע סטילען,
די פּיראַמידען און מומיעס פון מצרים
זיי וועלען נישט אייביג דויערען,
אָבער די ירושה פון דיין מאַמע ירושלים
וועט קיינמאָהל נישט געהן פערלוירען.

ירושלים איז געווען בעשערט,
צו בעזיצען אַ געוועהנליכען שטיין,
אויסגעבאַקען און איינגעבאַקען אין איהר ערד.
דאָך, נבהל ונשתומם,
ער איז געווען איהר מעהר צום האַרצען
ווי אַלע איידעלשטיינער
אין אַלע ערדישע רוימען.

זי האָט דעם שטיין טאָג און נאַכט געהאַלזט
מיט קושען געציקערט, מיט טרעהרען געזאַלצט,
ווייל אויף איהם האָט יעקב גע׳חלום׳ט
דעם טייערסטען פון זיינע טרוימען.

געוואוסט האָט יעדער איינער
פון עופות ביז חיות, פון מלאכים ביז מענשען,
אַז ירושלים האָט געליעבט דעם דאָזיגען שטיין
נאָך מעהר ווי די כותל־מערבי שטיינער
און איהרע קינדער מיט איהם געטהון בענשען.
און אָט דעם שטיין האָט זי געשאָנקען אַ געשאַנק
איהר טאָכטער לאָנדאָן, מיט אַ גליענדען פערלאַנג
איינגעהילט אין דער ברכה פון געזאַנג.

איך שענק דיר יעקב׳ס שטיין, *
יעקב׳ס קישען און דאָס קישען פון זיינע שוואַלבען;
זאָלסט איהם, טאָכטערשי, אייביג שוינען.
מיט די מלכים, וואָס דו וועסט זיך צו מזל משדך זיין,
זאָלסטו אויף דעם שטיין זיי זאַלבען;
אויף דעם שטיין זיי קרוינען.

דו ווייסט דאָך, מיין קינד,
אַז רוים האָט מיך בערויבט.
פון אַלע ערדישע שטיינער
איז נישט איינער מיינער,
אפילו נישט דער שטויב;
דאָס איינציקע חתונה־געשאַנק

* אין וועסטמינסטער־עבי ווערען אַלע ענגלישע מלכים געקרוינט אויף דעם „שטיין פון גורל״. עס זיינען פאַרהאַן לעגענדעס, וואָס ווילען באַווייזען, אַז אויף דעם שטיין האָט יעקב אבינו געהאַט זיין חלום.

איך קען דיר געבען,
איז יעקב׳ס שטיין!
און דיר געב איך איהם — דיר אַליין,
מיין טייערע טאָכטער לאָנדאָן־לעבען;
היט איהם ווי אַן אויג אין קאָפּ,
היט איהם פון די טייוולאָנים;
אָבער נאָך מעהר ווי דעם שטיין,
היט אָפּ יעקב׳ס חלום!

און ווען עס וועלען דיך בעפאַלען רוצחים, רויבער און פערשווערער
און דיר געבען צו טרינקען פון זייער פער׳סמ׳טען בעכער,
וועלען די בעפליגעלטע מלאכים פון יעקב׳ס חלום,
זיי, וואָס אויף דער לייטער שוועבען,
דיר מציל זיין דיין לעבען
און ווי איך וועסטו בלייבען צו יעדער צייט, —
די שטאָדט פון שלום, פון גערעכטיגקייט!״

חכמת־החשבון

א

פרעגט אַ אינגעלע:
רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום ערשטען הימעל דער מהלך?
— זיבציג שטאָפּלען פאַר אַ אינגעלע,
פאַר אַ מלאך —
איין קאַצען־שפּרינגעלע.

ב

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום צווייטען הימעל דער מהלך?
— זיבציג מאָל זיבציג פאַר אַ אינגעלע,
פאַר אַ מלאך —
איין קלינג מיטן קלינגעלע.

ג

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום דריטען הימעל דער מהלך?
— נאָך אַמאָהל זיבציג מאָהל זיבציג פאַר אַ אינגעלע,
פאַר אַ מלאך —
איין קנאַל מיטן צינגעלע.

ד

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום פירטען הימעל דער מהלך?
נאָך אַמאָהל זיבציג מאָהל זיבציג פאַר אַ אינגעלע,
פאַר אַ מלאך —
איין אָטהעם פון לינגעלע.

ה

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום פינפטען הימעל דער מהלך?
— נאָך אַמאָהל זיבציג מאָהל זיבציג פאַר אַ אינגעלע,
פאַר אַ מלאך —
פון אַ טרעהר איין שלינגעלע.

ו

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
ווי לאַנג צום זעקסטען הימעל דער מהלך ?
— נאָך אַמאָהל זיבציג מאָהל זיבציג פאַר אַ אינגעלע,
און דאָס איז אפילו פאַר אַ מלאך
אויך שוין אַ ווייטער מהלך.

ז

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
מוז דאָך צום זיבעטען הימעל זיין אונענדלעך ווייט ? *
— יאָ, פאַרן אינגעלע וואָס אויף וואַקלענדע פיסלעך גייט,
אָבער ווען בעפליגעלט מיט דער נשיקה של אחד,
איז ער שוין דאָ און אָט איז ער שוין דאָרט.

ח

רבי׳ניו, אוי, רבי׳ניו,
וואָס זעהט אַ אינגעלע ווען ער שטעהט שוין העט העט דאָרט ?
— ער זעהט וואָהר און קלאָהר
ביז אַ האָר און ביז גאָר,
אַז מאַמע־ערד איז דאָס גן־עדן פון גאָט.

* לויטן בעלפער׳ם חשבונות האָבען מיר צום זיבעטען הימעל אַ סך־הכל פון 8235.430.000.000 שטאַפלען.

לימודים פאַרן צווייטען זמן

אויף דעם הויכען הר־השירה

(ישראל׳ס זיבען טויזענד יעהריגער פּלאַן)

אויף דעם הויכען הר־השירה

אויף דעם הויכען הר־השירה,
אין אַלע זמנים, פון היץ ביז קרירה,
די שבת־מלכה שבת־זמירות זינגט,
דער באַרג — אַ גלאָק, יעדען קלאַנג אָבקלינגט.

עס הערען זיך איין די אויערען פון דער וועלט:
לבנה, בלאַט, גראָז און זאַנג אין פעלד;
שטילקייט האַלט איין אָטהעם, האָרכט זיך איין,
צער האַלט איין טרעהר — אויפן וועג צום געוויין.

האָט אַראָבגענידערט בעלפער צו אונזער צייט,
צום צושטויסענעם פעלז פון קריסטאָהל
וואָס ליגט אַזוי טיעף אין טיפעניש פון טאָהל,
צו די אבלים, וואָס טרויערען אויף פאָלקס־עקרה׳קייט —
צו די לצנים וואָס שפעטען פון דער גאָלדענער קייט
און צו די רעכטפאַרטיגע פון זיינע תלמידים׳לעך, די קינדער פון ישראל,
און האָט גערעדט צו זיי אָט די רייד:

איצט, צום צווייטען זמן, בני־ישראליקלעך,
טרויערענדע, ווילדע, צופיעשטשעטע זשוליקלעך —
איצט, אַז איהר קאָנט שוין זעהן ווי אַ פערגרעסער גלעזל דעם אלף־בית
און די קליינטשיגע פינטעלעך, קוים וואָס זיי זשיפּיען, אין גאָט וויים;
איצט, אַז איהר קענט שוין ניט נאָר קוקן, נאָר אויך זעהן —
נישט נאָר טראַכטען, נאָר אויך פערשטעהן
און ס׳איז אייך שוין געלויבט השם יתברך באַשערט
צו קענען צעהלען און קלעטערען די שטאַפּלען צווישען הימעל און ערד;

איצט, אַז איהר האָט שוין צו מזל דערלעבט פּונקט צו דער האָר
(ביז הונדערט און צוואַנציג טויזענד
פינף טויזענד זיבען הונדערט און פינף יאָהר
זינט דעם געבענשטען נס
פון אייער געבורט, דורך דעם געבורט פון שבת,
איז שוין איצט די העכסטע צייט איהר זאָלט ווערען בעקאַנט
מיט׳ן איד׳ס אידילישען אידעאַל דעם געהעריגען,
אייערע נשמה׳לעך זאָלען פלאַקערען ווי אַ בראַנד
מיט ישראל׳ס שבת־ועבודה פלאַן —
דעם זיבען טויזענד יעהריגען.

דערפאַר, קינדערלעך, וועט איהר קריגען ש״י עולמות אַ בר־מצווה מתנה,
ווען איהר וועט אי״ה דרייצעהן טויזענד יאָהר אַלט ווערען.
איהר וועט דאַן זיין אויסגעקאָכט מיט זון און לבנה
און זיין „פאַן בראַט" מיט פלאַנעטען און שטערען.

און דער בעלפער איז מיט זיי אַרויף אויף דעם הר־השירה;
מיט דער הילף פון שימות און אותיות
אַרויפגעדראַפּעט, אַרויפגעקלעטערט,
זיי זאָלען הערען אַ בשורה פון זייער פאָלקס־יצירה —
זייער צופעליגער עצבות און לצנות זאָל אויפן דויערענדען באַרג
ווערען צושמעטערט.

און זיי האָבען פון דער הייך דייטליך געזעהן,
אַז דער שבת־מלכה׳ס טראָהן איז דער הר־השירה
און זיי האָבען פון דער הייך געטהון פערשטעהן,
אַז די גאַנצע וועלט איז איהר כלי־זמר,
און דאָס כלי־זמר איז איהר היים און דירה.

און זיי האָבן פון דער הייך גוט געהערט,
איהרע זינגענדיגע רייד מיט האַרץ־קלאַפּ בעגלייט;
ווי שבת־אויבסט עס פערצוקט און פערצעהרט
מיט דער בענשונג פון פייערדיגער פרייד.

אַ פרייד וואָס האָט ווי שופר של משיח בלאָזען און שאַהלען
צוזאַמענגעזאַמעלט דעם צובראָכענעם, צוברעקעלטען ישראל
און געמאַכט פון איהם אַ פעלז אַ מאָנומענטאַהלען
פון געלייטערטען קריסטאַהל.

דאָס זמירות פון דער שבת־מלכה

א

דער בוימייסטער דער גרעסטער, ס׳האָט געלעבט אַמאָהל,
איז דאָך ניט קיין אַנדערער ווי טייערער ישראל:
אין זיינע וועגען מוזט איהר קינדערלעך געהן,
ניט צו ווערען צוריבען ווי כריין.

ב

וואו איז נאָך דאָ אַזאַ דענקמאַהל
צום שבת בנין זיך קענען גלייכען?
ער בעדעקט דאָך באַרג און טהאָל,
פון הימלען, יבשות, ימים און טייכען.

ג

דעם שבת האָט ישראל געגרונטפעסטיגט,
איהם בעשיינט, איהם בעחנ׳ט,
פאַר יעדען איינעם אין זיין וועג,
פאַר אַלע, אַלע, אין זייערע טעג.

ד

פון די יסודות־העולם, יוסטע יסודות,
אַ כסא־הכבוד אויסגעטאַקט,
אַלע אַלע, סודי סודות,
אין איהם, מיט כוונה, אַריינגעבראַקט.

ה

מיט גרויס התלהבות פון שבת ליעבשאַפט
משפט גאָט אַלע קינדער,
דער כסא הכבוד, גיט איהם קראַפט,
פערגרעסערט נאָך ס׳גרויסע וואונדער.

ו

ישראל האָט געליעבט דעם קדמונ׳ס וועלט,
נאָך איידער ער זי אין באַוועגונג געשטעלט,
אָבער ניט געקאָנט דולדען מעהר
וואָס דער בורא אַרבייט אַזוי שווער.

ז

פרייטאָג בין־השמשות, כמעט פאַרטיג וועלט,
ישׂראל פאַר׳ן בורא זיך אַוועקגעשטעלט:
׳באַלד שיינען שוין דריי שבת־שטערן,
צייט דו זאָלסט שוין אויפהערן.׳

ח

׳אָבער ווי אַזוי קען איך רוהען,
אַז מיין אַרבייט איז נאָך ניט געטהון?׳
מאַכט ישׂראל: ׳כ׳בין ניט קיין שטרענגער,
נאָר טאָרסט ניט אַרבייטען, טאָרסט ניט לענגער׳.

ט

האָט גאָט געשפּרייזט אַרויף און אַראָפּ
אין דעם פּראַכט פון זיין רוימיג הויז,
׳דער מענש, דער מענש, אוי דער מענש!
ער מענטשעט מיך אינגאַנצען אויס!

י

אַ גאַנצען טאָג איך באַק און באַק
און ער זעהט נאָך אויס ווי ס׳מעהל פון זאַק,
אַ גאַנצען טאָג איך קאָך און קאָך
און ער איז נאָך רוי — אָט זעהסטו דאָך.

יא

פון בהמות, חיות, פון כלערליי עופות,
פון הימלישען געוועלב ס׳גרויסע מופת,
ניט געהאַט אַזוי פיעל צער,
ווי אָט פון דעם באַרבאַר!

יב

קענסט דאָך זעהן פאַר דיר אַליין,
ער איז נאָך האַרט ווי אַ שטיין
און דו ווילסט כ׳זאָל שבת מאַכען, —
ווי נעהמט מען כח צום לאַכען?

יג

זאָג, וואָס וועלען באַשעפענישען זאָגען
צום געוועלטיגער, זייער קרוין,
ווען איך וועל זיי אונטערטראָגען
אָט דעם געלונגענעם מאַנספערשוין?!

יד

עס איז דאָך ממש אַ שמים זאַך,
כ׳רעד שוין ניט פון הצלחה,
דאָס ברואים פלאַצען ניט פון לאַך
און ניט פון דער געלעכטער ברכה.

טו

און דו, ישראליקעל, וואו איז דיין שכל?
ווי קען איך פערלעהגען האַנט אויף אַ האַנט?
וואו איז דיין קעפעל, וואו איז דיין מוח'על?
וואו האָסטו פערשטעקט דיין פערשטאַנד?׳

טז

און פון אויוועך האָט דער יוצר
אַרויסגעשיבען זיין גרויסען אוצר,
׳נו, בייג זיך איין, וואָס שטעהסטו שטייף?
זאָג, איז ער רוי אָדער איז ער רייף?

יז

זעה, ווי ער איז נאָך אינגאַנצן צומישט,
וואו צו ווענדען זיינע שליפּיעס ער וויס נאָך נישט.
ווען ער קוקט שוין צו מזל אויף אַ זאַך,
ווי אַ האָן אין בני־אדם, וויס ער אַ סך?!

יח

אַ גאַנצע וואָך אויף איהם אויסגעקיקט,
געמיינט פון מיין וועלט וועט ער ווערען אַנטציקט;
זיך אויסגעמאַטערט, ווי אויך געשוויצט,
געוואַלד, ישראל, וואָס טוט מען איצט?

יט

זאָל איך מיין וועלט פאַרלענדען גאָר מיאוס,
ווייל מענש ניט ווייס אין גן עדן ער איז?
זאָל שטראַהלונג שרימפען, שעהנקייט צוגיסען,
ווייל מענש ניט ווייס ווי אַזוי צו געניסען?

כ

ער קען ניט אויסאָטהעמען, אוי, אַ בראָך!,
מיין הייליגען, היילענדען שם,
און זיין מוח איז נאָך ווי מיטוואָך
אין אַ צאַנקענדיגען ענגען קלעם.

כא

און דו ווילסט איך זאָל זיך אויסקליידען
אין זיידענעם מאַנטעל פון מנוחה,
איבערן וועלט־בעכער מאַכן פאַר אונזביידען
די שבת־קודשדיגע ברכה?'

כב

האָט ישראל'ס צונג געשניטען ווי אַ שווערד,
' צו וואָס טויג מיר איינגאַנצען הימעל און ערד,
אַז דער שבת־קודש קלאַפּט אין טהיר
און איז פערשוויגען, אָה, ביי דיר?!'

כג

ישראל האָט געזעהן, אַז הקדוש ברוך הוא,
מיט׳ן אייביקן לעבען, דאַרף נויטיג רוה,
ניט אָבגעטרעטען, שטאַרק געבעטען:
׳אוי, מאַך שוין שבת, אוי, טאַטעניו!׳

כד

אמת, דער מענש איז נאָך זעהר רוי,
אָבער דער שבת־קודש וועט איהם רייפען אַזוי:
יאָ, אַזוי,
יה, אַזוי.׳

כה

האָט דער בורא אונטערבראָכען אָדאָ,
׳ישראל לעבען, האָסט דאָך טאַקי רעכט;
שכינה, שכינה, וואו ביסטו?
ס׳איז שוין צייט זאָלסט צינדען לעכט!׳

כו

פרעגט די שכינה און מיט רעכט,
׳פון וואו זאל איך איצט נעמען לעכט?
ווייסט דאָך, אַז צווישען טאָג און נאַכט
איז ס׳לעכט געוועלב גאָר פאַרמאַכט.׳

כז

האָט צו איהר גאָט געזאָגט:
׳נאָר זיך ניט אַזוי געקלאָגט;

ישראל וועט דאָ בלייבן די שבת נעכט,
איבער זיינע אויגען וועסטו בענשען לעכט.׳

כח

אין הימעל ישראל וואויל זיך געוויילט,
נאָר מוצאי־שבת זיך צוגעאיילט,
תיכף די ברואים צו דערציילען
פון דער שבת־רפואה אַ וועלט צו היילען.

כט

׳אין זיבעטען טאָג פון יעדער וואָך
וועט מהיום והלאה אַראָב דער יאָך;
ס׳איז, ס׳וועט בלייבען זיין געבאָט,
אַ מענש זאָל רוהען ווי אַ גאָט.׳

ל

׳פאַרוואָס זאָל עס ברואים ניט זיין בעשערט?׳
האָבען זיי נישט גערעדט, נאָר געקלאָגט,
אויגען פערשעמטע צו מאַמע־ערד, —
ווייל פון גאָט און מענש אַזוי געפּלאָגט.

לא

דאַן האָט ישראל זיי געבענשט,
צו זיי גערעדט אָט דאָס אָט:
׳יאָ, איהר אויך וועט רוהען ווי מענש,
ווי מענש, ווי מענש, וואָס רוהט ווי גאָט.׳

לב

חיות בעזיצען מעהר אינסטינקט,
דאַנקבאַרער זיינען ווי מענשהייט!
נאָר ניט געוואוסט ווי אַזוי פונקט
אויסצודריקען דאַנקבאַרקייט.

לג

האָבען חמור ושור געשוואוירען, 'איך שווער,
אויב איך קאָן, אויב איך מעג,
וועל איך פּראַצעווען טאָפּעלט שווער
אין די זעקס אַרבעט־טעג!'

לד

געוואוסט האָבן זיי, אַן עיקר זאַך,
שבת ז'דער טויער צום משיח שליאַך;
געוואוסט האָבען זיי, ס'מוז געשעהן,
און מיטן וויסען אַליין ניט צופרידען געווען.

לה

האָט דאָס אייזעל פערשפּראָכען גיך,
צו טראָגען דעם עול, דעם עול של משיח.
'ווער האָט נאָך אַזאַ געדולד ווי איך,
צו וואַרטען אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג אויף משיח?'

לו

אַך, ווי זיס שור הבור'ס טויט,
צו ווערען געשחטען פאַר משיח'ן
און אַראָבגעשלונגען ניט מיט ברויט,
נאָר מיט גן־עדן־דיקען קיכען!

לז

ווען דער לויתן האָט דאָס דערהערט,
זיך געוואונשען, ס׳זאָל איהם זיין בעשערט,
ס׳זאָל איהם זיין בעשערט צו זיין דער פיש,
וואָס באַשיינען וועט דעם משיח־טיש.

לח

׳ זאָלען צדיקים אויך טועם זיין
אַ געשמאַקען ביסען, אַ גלעזעלע וויין;
און ווער ווייס דען אַזוי גוט ווי איך,
ווי גוט עס איז דער שמן־המשיח ? ! ׳

לט

האָט ישראל־לעבען געזאָגט צו זיי, —
געזאָגט האָט ער עס צו אַלע דריי:
׳ איך בין אייך אַלע אַלעס מבטיח,
ס׳וועט זיין אַזוי ווי איהר ווינשט זיך. ׳

מ

יעדער איינער פון די פיער
איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג,
אָבער געגאַרט אָהן אַ שיעור
אויף די גליקלעכע משיח־טעג.״

דער ווײ־געשריי פון די וואָכעדיגע טעג

און אַזוי ווי די שבת־מלכה אויף איהר הר השירה זיצט,
זיס־האַרציג זינגט און זיוו־שכינה׳דיג בליצט,
דערזעהן די בני ישראל ווי זעקס פרויען־געשטאַלטען, צו דרייען,
אויף ביידע איהרע זייטען שטייען.

אַלע זיבען זעהן אויס ווי אַ מנורה, פון ליכט, די שבת־מלכה אין מיטען,
זי ווי ס׳הימליש־געוועלב אָנגעצונדען,
די איבעריגע זעקס מיט אויסגעלאָשענע קנויטען־היטען
און מיט שוואַרצע שמאַטעס די ווייסע קערפּערס אַרומגעבונדען.

און פאַר אַלע זעקס, אין וועהטיג, אין ליידען,
אַלע מאָהל אַן אַנדערע פאַר די איבריגע טוט ריידען;
די פינף שטיל־שווייגענדע וואַרפען זיך ווי שלאַנגען,
טהון זיך קרומען,
חזר׳ן איבער דער זאָגערינ׳ס לעצטע ווערטער
אין נאָך שטאַרקערע קלאַנגען,
ג׳ פעמים:

א

„אוי, שבת־מלכה! שבת־מלכה!
קיין עין־הרע זאָל דיר גאַרניט זיין.
ביסט דאָך, ווי אַ זילבערן בשמים־ביקסעלע,
אַזוי דופטיק, אַזוי שיין,
מיר קענען קוים דיר קוקען
אין דיין ליכטיג פּנים אַריין.
אָבער, מיר, דיינע לייבלעכע שוועסטער, ניט פאַר דיר געדאַכט,

זיינען פער׳מיאוסט און פערשלאָמפּערט טאָג און נאַכט;
פון אַלע מחבלים, שדים און רוחות
ווערט אונזער גרויסער יחוס
ניט מעהר ווי אויסגעלאַכט.
׳אויסגעלאַכט! אויסגעלאַכט! אויסגעלאַכט!׳

ב

אוי, שוועסטער שבת! שוועסטער שבת!
האָסט דאָך אַזאַ גוטעטשקע נשמה,
בעט אויס ביים פאָטער אַ שטיקעלע נחמה.
פאַרוואָס קומט עס אונז? פאַרוואָס?
זיינען מיר דען ניט אויך זיינע טעכטער־טעג?
פאַרוואָס זיינען מיר ברודיק און מוקצה׳דיג
און האָבען צום טאַטען גאָרניט קיין גליק?
באַקען מיר לכבוד דיר אַ חלה אויס,
איז איהר האַרץ אַ ליליע, איהר פנים אַ רויז;
באַקען מיר פאַר זיך, איז דאָס געבעקס אייביג זויער,
ווי אונזער וואָכעדיגער, יאָכערדיקער טרויער.
׳טרויער! טרויער! טרויער!׳

ג

זאָג, ליכטיגע שוועסטער, זאָג!
פאַרוואָס איז דער בלום דופּטיגער אין דיין טאָג?
און דעם צוקערל ווערט זיסער פון דיינ׳ס אַ נאָג?
פאַרוואָס ווערט דעם שאָטען פון דיינע טריט ליכטיגער?
איז דען מלאכה פון מנוחה ניט וויכטיגער?
זיינען דען ניט אַלע פּאַלאַצען און טעמפּלען
פון מיה און מאַטערניש די סטעמפּלען?
איז ניט דען יעדע כאַטע און מאָנומענט
די פּראַצע פון צובייליטע צעבלוטיגטע הענד?
׳צעבלוטיגטע הענד! צעבלוטיגטע הענד! צעבלוטיגטע הענד!׳

ד

זיינען מיר דען ניט אַלע זיבען
אין זעלבען תוהו ובוהו געפלאָסען ?
אין דער זעלבער פאָרם געגאָסען ?
דערהויבען צו דער זעלבער גראַד לויטערקייט ?
דערנידעריגט צו דער זעלבער מאָס טויטער צייט ?
׳טויטער צייט! טויטער צייט! טויטער צייט!׳

ה

די זעלבע שטערען און פלאַנעטען, ווי קנאָספען און בלומען,
אויף דער זיבען־צווייגענדיגער מנורה פון ספר־תורה,
בעשיינען דאָך אונז אַלע זיבען,
טאָ פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט זיין ליעבער נאָמען
נאָר דיך און רק דיך
פאַר דער פּרינצעסין אויסגעקליבען ?
מיר האָבען דאָך אַלע זיבען געקריגען
די זון און לבנה — אַ חנוכת־הבית געשאַנק
פון זיין גנעדיגער האַנד ;
מיר האָבען דאָך אַלע זיבען גע׳ירש׳ענט די גינג־גאָלדענע קרוינען
פון שחר און שקיעה ;
טאָ פאַרוואָס זיינען מיר אָבגעריסען, אָבגעשליסען,
אָהן ריח, אָהן טעם, אָהן ראַהם, קריעה־בליעה ?!
׳קריעה־בליעה! קריעה־בליעה! קריעה־בליעה!׳

ו

פאַרוואָס האָבען זיינע זינגער, ווי די כרובים,
אין שבת־בעכער ימים זמירות אַריינגעגאָסען
און פון אונזערע הערצער ווי פון גנבים

דאָס זיסע זמירות געהאַלטען פערשלאָסען?
איך גאָט וויס דאָך, ס׳איז דאָך זיין גלויבען,
אַז אַזוי לאַנג ווי עס וועט ניט ווערען אויפגעהויבען
עבדות צו עבודה, מלאכה צו שליחות,
וועט די וועלט בלייבען צובראָכען, ווי די צובראָכענע לוחות.
׳צובראָכענע לוחות! צובראָכענע לוחות! צובראָכענע לוחות!׳

ז

עס איז שוין צייט די זעהער און הערער זאָלען עס וויסען, —
זיי, דעם מענשען׳ס אויגען, אויערען און געוויסען, —
אַז ניט די שבת־מלכה מיט איהר צניעות און צויבער
קען האַלטען די זיבען קאַמערען פון זיין הויז ריין און זויבער,
און ניט אַלע גלויבענס, טעסטאַמענטען און תוכחות פון טאַטען,
קענען די פעלקערליכע געוואַלד־ריסען פערלאַטען,
אויב ער וועט אַרבייט און משא־מתן
ניט אויפהייטערען מיט דער פרייד פון יום־טוב׳דיגקייט;
אונז אויך ווי דיך בעניינען און בעפרייען
פון וואָכעדיגקייט.
וואָכע־די־קייט! וואָכע־די־קייט! וואָכע־די־קייט!׳״

ח

די שבת־מלכה זיצט און בליהט,
זי הערט, אָבער זי ענטפערט ניט!
די וועלט ווי אַ בוקעט זי שמעקט.
ווענדען זיך די זעקס טעג אַלע צוזאַמען,
ריידען צום בורא־עולם דירעקט:
„אָה, האַר פון דער וועלט, הער דו אונז אויס, הער!
קוק אונז בלויז אָן! זעה, זעה, ווי גרויליך,
זעה אונזער פּרצוף, זעה אונזער הולך!

גװואַלד! מיר קענען ניט מעהר!
מיר קענען ניט מעהר אונזער גרױלעכקײט און קױטיגקײט
אױף זיך טראָגען.
מיר מוזען דיר אײן מאָהל פאַר אַלעמאָהל
קלאָהר און דײטליך זאָגען,
אַז מיר, סיטרא־אחרא׳דיגע, אבי־אבות־הטומאה׳דיגע טעג,
װילען ניט מעהר זײן און מיר קענען ניט מעהר זײן אומרײן.
אומרײן! אומרײן! אומרײן!

ט

מיר, װאָכעדיגע, יאָכעדיגע, אָכעדיגע צװײגען,
װילען די זעלבע רעכט װי די שבת־מלכה,
צו װערען בעלױכטען און צו בעלױכטען
אַלע רױמען פון גן עדן;
צו ברענען און זיך אױסברענען
אין תורה, עבודה און אין מלאכה;
מיט קדושה־צאַנקען און בלאַנקען
װי דער שבת־קודש אין רזי־דשבת און אין מנוחה,
און אין געלײטערטע געדאַנקען.
געלײטערטע געדאַנקען! געלײטערטע געדאַנקען! געלײטערטע געדאַנקען!

י

און אױב, דו, בורא־עולם,
אױב, דו, װעסט ניט ישראל׳ן בעפעהלען,
איהם, װאָס האָט צו ליעב דער גרונדפעסטיגונג
פון שבת מלכות
פערשטאַנען די חכמה פון אַ יצירות העולם, צו דערצעהלען,
איהם, דײן שבת־פּיאָנער, דײן שבת־מאַרטירער;

אויב, דו, וועסט איהם ניט בעפעהלען,
אונז אויך צו ראַטעווען און צו לייטזעליגען,
וועלען מיר אַנטלויפען
און קיין שטערען וועט אונז ניט קענען דעריאָגען —
אַנטלויפען וואו אונזערע אויגען וועלען אונז טראָגען.
טראָגען! טראַגען! טראָגען!

יא

זאָלען די אייטערס פון די בערג וועלקען,
מיר וועלען זיי שוין מעהר ניט מעלקען.
זאָלען ווערען ווערעמדיג די ביימער'ס קעפּ,
מיר וועלען שוין מעהר ניט צוואָגען זייערע צעפּ.
זאָל זיך דער מילכיגער וועג צוברענען,
מיר וועלען זיך אסור ניט דאָס לעבען נעמען.
מיר וועלען שוין מעהר ניט האַלטען אויף דער קייט
דעם משוגענעם ווינד,
ער זאָל זיך ניט אַריינבייסען צו וויית
אין דיין פער'יתום'ט קינד.
פער'יתום'ט קינד! פער'יתום'ט קינד! פער'יתום'ט קינד!

יב

זאָלען זיך אַלע טייכען קלעקען,
זאָל זיך אפילו דער אין־סוף עקן;
וועלען מיר מעהר ניט אין זיי אַריינבראָקען שטערען
און אַליין בלייבען פער'חושכ'טע,
און דעם חושך פערצעהרען.
פערצעהרען! פערצעהרען! פערצעהרען!

יג

מײן נישט טאַטעניו,
אַז ס׳איז אונז ניחא צו דיר אַזוי צו רײדען;
מיר װילען אסור ניט אַנטקעגן דיר װידערשפּעניגען.
נאָר װאָלסט געדאַרפט זעהן די חתונה, די פרײדען,
פון פרײטאָג בין השמשות —
די מעכיע עס טוט זיך מיט דער קעניגין!
מיר זײנען נאָך נאַס פון טרעהרען,
רויט פון בושה, בעכליאַפּעט פון חלשות.
מ׳הערט נאָך קלינגען די קנעכטן־קײטען,
קלינג־קלינג־קלאַנג,
יעדער רינג װאַרפט זיך װי אַ שלאַנג.
געהן אויף װי דרײ שחר׳ס, דרײ שטערען,
שאהלען אויס מיט גאָלדענע טראָמפּײטען:
׳מזל־טוב, די כלה געהט!
די שבת־מלכה אויפ׳ן װעג!׳
און מלאכי־השרת אויף בײדע זײטען
צום מלך׳ס טיש זי בעגלײטען.
ליכט טאַנצען, צװעהלען גלאַנצען, חלות קװעלען —
אַ שמחה גדילה אין אַלע פינסטערע צעלטען און צעלען;
און מוצאי שבת, װען זי טוהט זיך שײדען,
טריפט טרויער פון װענט, פון דעכער, פון שװעלען,
עס איז אַ חורבן גן־עדן.
חורבן גן־עדן! חורבן גן־עדן! חורבן גן־עדן!

יד

אָבער אונז, װאָכעדיגע טעג,
װער װיל דען אונז בעגעגענען אויפ׳ן װעג?
װער שטילט אונז איין
אין אונזער געװײן? —

אונזער אָבשייד,
ווער בעגלייט?
ווער בעגלייט?! ווער בעגלייט?! ווער בעגלייט?!

טו

אוי, טאַטע אין הימעל! טאַטע אין הימעל!
שאַרף אויס אַ וואָרט ווי אַ קיכען־מעסער,
אָבצושאָבען דעם וואָכעדיגען שימעל.
זאָל אונז אויך ווערען אַביסעל בעסער,
זאָלב אונז אויך מיט אַ נשמה יתירה.
ס׳געהט אונז אָן אַן איבעל, אַן עקעל בלויז פאַרן קול
פון ׳להבדיל בין קודש לחול׳
און פאַר דער מוקצה גזירה.
מוקצה גזירה! מוקצה גזירה! מוקצה גזירה!

טז

אוי, טאַטעניו! טאַטעניו! אנא הבט בעמל,
און שיק אַ נביא ווי אַמאָהל,
ער זאָל אונזערע געשרייען הערען און מאַכען הערען,
און אין אונזער זכות וועט אויך ישראל
אויסגעלייזט ווערען.
אויסגעלייזט ווערען! אויסגעלייזט ווערען! ווערען אויסגעלייזט!״

יז

און אַזוי ווי זיי וואַרפען זיך ווי צווייגען אין אַ זאַווערוכע,
קענען ניט געפינען קיין מקום מנוחה,
שטעלט זיך אויף די שבת־מלכה,
שוועבט מיט שאַ־שטילע טריט;

אין חדר אַריין

קושט אירע זעקס שוועסטער,
ווישט זייערע טרעהרען,
וואַשט זייערע הענד פון בלוט;
זי צינדט אָן די קנויט פון יעדער שוועסטער׳ס הוט
און ס׳לייכט אַ מנורה ווי זיבען שטערען!
וואָס באַלייכט די אויגען פון די בני ובנות ישראל,
און באַדעקט מיט אַ גאָלדען פרוכת דעם חושך־טאָהל.

לימודים פֿאַרן דריטען זמן

אַ נייע מעשה בּראשית

דער ערשטער שבת בראשית

אויף דעם זיבעטען, דעם העכסטען פון אַלע הימלען,
אין דעם זיבעטען טאָג, אין דעם ערשטען שבת פון דער וועלט,
איז געזעסען גאָט, ניט געקאָנט שלאָפען און ניט אפילו דרימלען,
ווייל פון זיין זעקס טעגיג שטיקעל אַרבייט אַזוי געקוויקט און געקוועלט.

געזעסען איז ע ר אין זיין טורם פון פרייד,
אויף זיין גינגאָלדענעם זונען-טראָהן;
דעם טראָהן, וואָס געשטאַנען איז און ביז היינט נאָך שטעהט
אויף דעם זויבער־זילבערנעם-לבנה-באַלקאָן.

פון דאָרט האָט דער פאָטער געזעהן אונזער ערד,
ווי אדם זיין ערשט-געבוירען קינד קוויטשעט און שרייט,
ווי דער שכינה׳ס אויגען איבער זיין וויגעלע טרעהרט
און געפיהלט ווי זיין האַרץ פון נחת צוגייט.

בעט ער זי: „זאָג, שכינה׳שי, זאָג,
וואָס איז דאָ די קלאָג?"
ענטפערט זי מיט אויגען פון טרעהרען בלינד:
„פאַר פרייד וויין איך, פאַר פרייד,
וואָס דו האָסט מיר געגעבען אַזאַ וואונדער־קינד.

און ווי אַזוי קען איך דיר דאַנקען פאַר זיין וויגעלע?
זעה נאָר ווי עס פליהט ווי אַ פליגעלע;
זעה נאָר, זעה נאָר, ווי עס האַלט זיך אַליין ריין און שיין, —
אַ געלעגערל פון געגאָסענעם קריסטאַל און פון שמאַראַגד שטיין".

אַ נייע מעשה־בראשית

זי האָט ווייטער גערעדט, זיך די טרערן געווישט,
„צו די וואונדער פון קינד קומט דאָך קיין זאַך נישט,
ער איז דאָך נאָך שענער ווי די הימלישע אויגען
און מופת׳דיגער פון זיין וויגעלע, וואָס גיט איהם צו זויגען.“

און די שכינה איז געפאַלען כורעים, זיך געבעטען
און ניט געוואָלט אָבטרעטען,
„דו ביסט דאָך דער איינציגער גאָט,
וואָס האָסט אין דיינע שפּיצפינגער פון לעבען דעם סוד;
טאָ ווי אַזוי, ווי אַזוי האָסטו געטראָפען
צו שאַפען אַזאַ נס, אַזאַ רייפען,
פון יסודות וואָס זיינען נאָך אַלעמען בלויס רוי־שטאָפען?
ווי אַזוי? איך קען דאָס גאָרניט בעגרייפען!“

זעה פון פיענטעס ביז קניען,
איז דאָך שוין צוויי קונסט גאַלעריען,
היינט ווער רעדט נאָך פון קניען און ווייטער,
ממש צום כסא־הכבוד אַ לייטער.

האָט דער האַר צו איהר גערעדט
מיט זיינע געטליכע בליקען:
„איך האָב דיך צופיעל ליעב
דו זאָלסט זיך פאַר מיר בוקען.
שטעה אויף, שטעה,
צו אַלע וועלטען האָרך זיך צו, בעטראַכט,
אַלעס, וואָס איז אין און אויף זיי,
וואָס כ׳האָב מיט׳ן זינגענדיגען וואָרט געמאַכט.

ווען אַלעס איז נעכטען פרייטאָג פאַרטיג שוין געווען,
דאַן איז דאָס אדם־נס געשעהען.
ער איז פון שיריים פון אַלעם און אַלעס

אין חדר אַריין

אויסגעבאַקען פריש ווי שבת־חלות —
ער איז שוין איינמאָהל טוב־מאד!
אַ גאַנצער יש ביז צו זיין עלאַסטישער הויט!״

אַזוי האָט זיך דער בעשעפער ערנסט געשפּאַסט
נאָכ׳ן סיום פונ׳ם ספר־החיים
ער אַזוי געניאַל האָט פערפּאַסט.

איז די שכינה געוואָרען ווי אַ כלה־מיידעל ווייס,
„אוי, ס׳טהוט מיר שוין באַנג וואָס איך ווייס.
אַצינד,
אַצינד, אַז כ׳ווייס, אַז ס׳איז אַזאַ געראָטען קינד,
וועט מיין האַרץ שוין מעהר ניט קענען רוהען.
וואָס וועל איך טהון
ווען עס פאַלט מיר אַראָפּ פון שויס
אָדער פאַלט, חלילה, פון וויעגעלע אַרויס
און דער ווינד לעשט זיין נשמה׳לע אויס
און פליהט מיט איהם אַוועק פון מיינע אויגען בעהאַלטען.
אוי, ווי וועל איך דאָס קענען אויסהאַלטען?
אָהן אַ קינד
בין איך דאָך טויב און בלינד!״

האָט דער בורא טרייסט איהר אונטערגעטראָגען:
„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען?
מיר געפעלט גאָרניט, מיין ליעב שכינה׳לע,
ווען דו מאַכסט אַזאַ איבערגעשראָקען מינעלע.
וואָס ציטערסטו אַזוי, וואָס?
אָט, זעה, דאָס און דאָס.״
און ער האָט אויפגעהויבען
צוויי קיזעל שטיינדלעך, ווי צוויי אונשולדיגע טויבען,

און גריבען די שנאָבעלעך פון שטיינדעל מיט שטיינדעל;
און די שטיינדעלעך
האָבען איינס צום צווייטען געמאַכט חנ׳דעלעך;
און ווען זיי האָבען זיך געריבען די צונגען
איז אַ פונק אַרויסגעשפרונגען
און ס׳האָט עס אויסגעלאָשען דער ווינד,
וואָס האָט געוואוינט דערנעבען.
האָט ער ווייטער געריבען די שטיינדעלעך און ווי פריהער פונקט
איז ווייטער אַרויס אַ פונק.
און די שכינה האָט פערשטאַנען, אַז אַזוי איז ס׳לעבען:
פייער און ווינד. —
און אַז זי וועט קיינמאָהל ניט בלייבען
אָהן אַ קינד.

זעהר ניט גוט

דער באַשעפער אונגעדולדיג האָט ערוואַרטעט די נייע וואָך.
און ווען דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען איז מזרח
איז ער שוין געשטאַנען אויף דעם לבנה־באַלקאָן
און אויספּרובירט די נייע וואָך,
איהר טעם, ריח, טהון און טאָן.

ער האָט שאַהלענדיג אויסגעזונגען:
„איך בין א־ל־הי־מ־מ־מ־ם!“
און דאָס בת־קול פון דער וועלט׳ס לונגען
האָט ה׳לאָז אין חליל אָבגעקלונגען:
„איך בין אלי־ם!“

אין חדר אַריין

די זון, ווי איהר שטייגער, איז אויפגעגאַנגען,
אָבער שוין ניט געווען אַזוי מחיה׳דיג הייס;
דער שניי איז געפאַלען און איז צעגאַנגען,
אָבער שוין ניט געוועהן אַזוי לויטער ווייס.

אויף די איידעלע הויטען פון די הימלען
האָבען זיך בעוויזען שפּראָצונגען פון שימלען
און די שטערען געוואונקען מיט אַ מאָדנע ווילען,
ווי זיי וואָלטען עס טראָגען ברילען . . .

די בערג, ווי קויליטשען אַלטע,
האָבען זיך שוין אין ז י י נ ע פינגער געברעקעלט;
די אינזלען ווי אָאַזען קאַלטע
האָבען זיך שוין באַלד אינגאַנצען אוועקגעפּעקעלט.

זיך צוגעהאָרכט צום קאָסמישען האַרצקלאַפּ,
דעם דופק פון גן־עדן געגעבען אַ טאַפּ;
ביידע גאָרניט, גאָרניט רעגולער
און די צינגען פון ימים בעלייגט שווער.

און דער מאַטער מאָנאָטאָן
פון די מלאכים׳ס זינגען
האָט אין דער מאָנאָטהעאיסטישער טראָהן
טיעף אַריינגעדרונגען.

דאָס האָט שוין דער בורא עולם ניט געקענט איבערטראָגען
און געהאַלטען אין איין זאָגען און איבערזאָגען:
„נייך, נישט גוט! נישט גוט! זעהר נישט גוט!
דאָס חולאת איז שוין אַריין צו טיעף אין בלוט!"

„אוי, ווי אַזוי קען איך דאָס היילען?
ווי אַזוי קען איך דאָס דער שכינה דערציילען?"

און מיט זיין שווערען וועהטאָג
איז ע ר אַראָב פון טורם פון פרייד
און נסתר געוואָרען דעם זעלבען טאָג
שטילערהייט.

די שכינה זוכט גאָט

זונטאג אין דער פריה
די שכינה זוכט א י ה ם:
„גאָט, וואו ביסטו וואו?"

זי עפענט מיט אַ געשריי טויער און טהיר:
„וואָס בעהאַלטסטו זיך, וואָס בעהאַלטסטו זיך פון מיר?"
די כנפי־השכינה רוהען ניט, זי זוכט א י ה ם אומעטום:
„וואו ביסטו? וואו ביסטו, אָ אל אלהים?!"
„ווער וועט נאָכקוקען די וועלטען אַצינד?
איך בין דאָך ניט בכוח!
און וואָס פאַר אַ תירוץ וועל איך געבען ס׳קינד?
ס׳וועט דאָך פון אַלעם ווערען אש און רויך!"

זי איז טאָג און נאַכט פון הימעל צו הימעל געלאָפען,
ביי די מזלות פון מענשען זיך געפרעגט
און ביי די אופנים פון די טעג:

אין חדר אַריין

„זאָגט מיר, וואָס האָט דאָ געטראָפּען?
וואו איז דער בעשעפער אַהינגעקומען?
ווער האָט מיין ליכט פון מיין לעבען צוגענומען?
האָבען איהם די יורשים פון תוהו ובוהו פערציקט?
האָט איהם, חלילה, זיין אַלטער שונא חושך דערשטיקט?

וועה און ווינד! וועה און ווינד!
וואָס טהוט מען מיט'ן קינד?
זאָל איך איהם זאָגען, —
וועט ער דאָך ניט אויפהערען קלאָגען.
ניט זאָגען, —
וועט דאָך מיין געוויסען מיך פּלאָגען.
יאָ, זאָל ער וויסען!
ניין! ניין! ער טאָר ניט וויסען!
זיין איינגעריסען הערצעלע וועט דאָך ווערען אין גאַנצען צוריסען.
אוי, אדם'שי, מיין נשמה'לע, מיין קרוין!
יעדען וואונק פערשטעהט ער דאָך שוין.
ער נעמט דאָך ניט אַראָב די אייגעלעך פון מיינע ליפּען,
נאָר ער יאָמערט. עפּעס זאָגט איהם דאָך;
עפּעס טהוט איהם ביים הערצעלע צופּען —
יאָ, יאָ, ער וויס מיין בראָך!"

אַזוי האָט זי איהם אַרומגעזוכט אַ גאַנצע וואָך, אויפגעריסען יעדעס טויער.
ערשט פרייטאָג פאַרנאַכט האָט זי איהם ענדליך געפונען
אין טיעפסטען פון אַלע תהומות פון טרויער
און איבער זיין זוהר־פּנים האָט דער חושך גערונען.

„געוואַלד! וואָס טהוסטו דאָ?!"
האָט זי ווילד אויסגעשריגען.

„זאָג, וואָס קוועהלט דיך, וואָס?“
און גאָט האָט געשוויגען.

האָט זי זיך געבעטען:
„דו ווילסט זיך דאָך ניט מיט מיר שיידען;
טאָ דערצעהל מיר אַלעס
און איך וועל אַלעס מיט דיר מיט־ליידען.
אויב ס׳האָט, חלילה, עפּעס אַ מאַלעהר געטראָפען,
האָסטו דאָך אַליין ערפונדען אַזאַ רפואה,
וואָס הייסט: ׳האָפען.׳

ווי לאַנג נאָך וועסטו זיצען דאָ,
ס׳קומט דאָך שוין באַלד אָן דער שבת פון רוה?
קום מיט מיר אַרויף צום טורם פון פרייד,
דאָרט וואַרט אויף דיר דיין כסא־הכבוד גרייט,
באַדעקט מיט העל בלאָהען זייד.
און ס׳קוקען אויף דיר אויס די דריי שטערען,
זיי זיינען שוין לאַנג אויף דעם וועג,
זיי זוכען דיך אויף יעדען שטעג,
ווי איך, ווי אונזער קינד,
און ווי אונזערע טרעהרען
די לעצטע טרויעריגע טעג.“

אין חדר אַריין

דער בורא ווייזט דער שכינה די וועלט

ענדליך האָט דער בורא איינגעוויליגט
און אַרויף מיט דער שכינה אויף דעם טורעם פון פרייד,
געוויזען ווי אַלעס ווערט פערטיליגט;
געוויזען איהר אָהן רייד
ווי ס׳לעשט זיך אויס דאָס גאָלד פון דער טראָהן,
ווי אַשיג עס ווערט דאָס זילבער פון באַלקאָן
און ווי זאַנפטיגע וועלטען וועפּן זיך אויס,/וועלקען ווי די בלומען,/
זי האָט בעהאָנגען דעם האָריזאָנט
צוליעב זיין ליעבען נאָמען.

„געדענקסט!“
האָט ער ענדליך צו איהר מיט רייד גערעדט
און מיט די אויגען זי טאָפּעלט געהאַלזט און געגלעט,
„ווי זיס ס׳האָט פאָריגען פרייטאָג געשפּיעלט דער ווינד
אויף מיינע האַרפעס, מיינע ביימער.
היינט קלאָגט ער אויף זיי
ווי אַן אויסגעהינגערטער הינט,
וואָס גריזשעט טרוקענע ביינער.“

ער האָט אָבגעשעפּט פון אַ איבערלויפענדען וואַל
אַ קאָכלעפעל שוימיג ים־וואַסער:
„פּאַרזוך! עס איז געזאַלצען און ביטער ווי גאַל
פון אַ מענש, אַ גאָט און מענש האַסער.“
און ער האָט צו זיך שטיל געמורמעלט:
אָה, שפּיעלעוודיגער ים פון קאַטאָוועס!

אויף דיינע ליפּען ליגט דאָך שוין
דער גסיסה שוים
פון סם־המוות!

„און איצט, שכינה, מיין טהייערע,
געב נאָר אַ קוק אויף דיין אדם׳ל, דיין שטאָלץ,
ווי ער דרעהט זיך דאָס אַרום מיט שווערע טריט אין לופטיגען גן־עדן,
ווי אַ שטיק אויסגעהאַקט אויסגעדרעקסעלט האָלץ,
ווי אַ געטשקע, אַ קינד פון היידען.

זעה נאָר ווי זיין נאָז איז איבעלדיג אַרויפגעצויגען,
ווי ער קוקט דאָס אויף מיר מיט קרומע אויגען.
נאָך אַ בעסערען פאָטער גלוסט ער,
איהם שמעקט דאָך אויך שוין ניט מיין וועלט!
זי איז דאָך ניט לויט׳ן מוסטער
ווי ער האָט זי ביי מיר בעשטעלט! . . . .

נו, אדרבא, זאָג, וואָס וויל ער נאָך האָבען פון מיר?
פאַרוואָס פערביטערט ער מיין לעבען אָהן אַ סוף, אַזוי אָהן אַ שיעור?
ווייס ער דען פון עפּעס בעסערס?
פאַרוואָס שטעכט ער מיך מיט זיינע טרעהרען
ווי מיט שפּיציגע מעסערס?

ווייס ער דען פון נאָך אַזאַ פּלאַנעט,
וואו עס איז אייביק גרייט אַזאַ באַנקעט;
אַזוי האַרציג זיס יעדער זיפּ און ביסען,
מיט אַזוי פיעל ליידענשאַפט פאַר וויסען;
מיט אַזאַ פיער זמנ׳ענדיגען גאָרטען,
מיט אַזאַ שפע פון קושענדיגע ליכט און שאָטען
און יעדער קוש אַזוי געראָטען?!

אין חדר אריין

— איך בין דאָך זיין פאָטער, אמת, צי נישט?!
באַזיץ ש״י עולמות און ש״י מאָהל ש״י נעמען;
האָט ער זיך נאָך מיט מיר צו שעמען?!

און דו ווייסט דאָך ווי פיעל צייטען,
ווי פיעל אונענדליכקייטען
איך האָב געהיצט און געשוויצט
איידער איך האָב זיך צוגעריהרט צו דער יצירה־וואָך.
דו ווייסט דאָך ווי איך האָב יעדע זאַך
מיט דער מאָס פון חכמה גענוצט,
מיט׳ן פלאָם פון נשמה באַפּוצט;
וויפיעל ימים צער און פרייד
איך האָב אַריינגעגאָסען אין אַ טראָפּען, אַ טרעהר;
וויפיעל מיה איך האָב זיך געגעבן איבער יעדען פאַלד פון זייד
פון מענשליכען נאַטירליכען קלייד
און קיין זאַך איז מיר ניט געווען צו שוועהר,
אַבי עס זאָל נאָר גלאַט כשר זיין
און האָבען טויזענט טעם און חן.

אין יעדען וואַלד, אויף יעדען בוים,
זאָל זינגען זמירות אַ גאַנצער כאָר
אין יעדען טאָג אין יעדען רוים
פאַר אַלע טעג פון גאַנצען יאָהר.
איידער ס׳הייבט זיך דער שוואַרצער פוירהאַנג
פאַר׳ן מאָרגענשטערען, פאַר זיין געזאַנג,
זאָל שוין יעדער בוים זיין געצוואָגט, געקעמט
און אויסגעפוצט אין אַ זיידען העמד;
און איידער דער פוירהאַנג פאַלט אין בין השמשות צייט
זאָל שוין פאַר׳ן בליהמעלע זיין אַ וויעגעלע אָנגעגרייט,
און אַ פייגעלע זאָל עס וויגען און זינגען אַ לולאַביי
פון זילבערן טאָג, וואָס פליהט פאַרביי.

אונ פאַר דיין פּרא־אדם׳ל איז דאָס אַלעס נאָך ניט גענוג.
נו, אדרַבא, זאָג!

ווען איך בין געזעסען אין תהום פון טרויער (ניט פאַר דיר גערדאַכט),
ניט געזעהן קיין טאָג, נאָר בלינדע נאַכט,
האָב איך מעהר ווי איינמאָהל אין זיך געטראַכט,
׳פערניכט! פערניכט!
איבערבוי! איבערבוי!׳

עס איז לייכט צו ריידען,
אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי?
און מ׳מוז דאָך מחדש זיין מעשה בראשית
אַלע טעג, אַלע שעה׳ן,
און ווער קען עס דען פאַר מיר טהון?״

„שמעני!״ האָט די שכינה ראַפּדום אויסגערופען, „הער!
איך וויים ווער״.
— ווער?
— אדם.
— אדם?
— יאָ, יאָ, אדם!
— כאַ־כאַ־כאַ! אדם, דער תם, דער כאַם!
ער גאָר וועט מיין וועלט בענייען?
וואָס טהוט זיך מיט דיר?! ס׳איז דאָך הימעל געשרייען!
דער אידיאָט! דער שוטה?!
ניין, מיין וועלט איז נאָך ניט אַזאַ טויטע
איהם זי איבערצוגעבען;
זי האָט נאָך גענוג לעבען!
וואַרף נאָר כאָטש איין בליק
אויף דיין זעלטענעם אַנטיק!

אין חדר אַריין

זעה נאָר ווי ער איז נאָך צעיושעט, ווי ווילד!
האַ־האַ־האַ, באמת, אַ צאַצקע פון אַ בילד . . .

שרייט די שכינה: „לאָך נישט פון קינד!
ס׳איז דיין אייגענע שולד,
וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג
און זעהט שוין אויס אַזוי צוקאָהלט, אַזוי אַלט!

יאָ, אמת, האָסט אדם׳ן געשאַפען אין אונזער פאָרם און געשטאַלט׳
אָבער וואָס טויג פאָרם און געשטאַלט,
אַז עס איז נישטאָ קיין אינהאַלט?
פאַרוואָס האָסטו איהם ניט מזכה געווען
כאָטש מיט אַ שפּילטער פון דיין שטאַם,
אַ ניצוץ פון דיין פלאַם;
אָהן דעם ניצוץ היצירה
איז דאָך פאָרם און צורה
אַ דירה פון פוסטקייט און קרירה.

ביז איצט האָב איך ניט געוואָלט דעריבער ריידען,
ניט געוואָלט דיר פערשאַפען קיין ליידען,
אָבער געטראַכט האָב איך דערפון גאַנצע נעכט,
אויך מיינע טעג זיינען געווען טראַכטענדע נעכט“.

— „יאָ, שכינה׳לע, האָסט רעכט! / ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? /
מאָרגען פריה, ווען דער שבת וועט נאָך טאָגען,
וועל איך אַרויפרופען אדם׳ען מיט זיינע קינדער
און קינדס־קינדער — עד סוף כל הדורות —
און מזכה זיין יעדעס נפש בעזונדער
מיט אַ שלהבת אָדער אַ ניצוץ דעם בורא׳ס
און מיט מיין שעפערישען שיריים
וועלען זיי יעדען טאָג מיין דושנע בנין אויסלופטערן און בענייען.“

דער ניצוץ

גאָט האָט געגעבען דער שכינה אַ קוש במקום אַ „יישר־כוח“
ספּעציעל פאַר איהרע בריליאַנטענע איינפאַלען,
געהייסען דעם דינער ער זאָל גרעגערן הויך
און געבאָטען דער לבנה איהר שופר זאָל שאַהלען
אַ תקיעה! שברים! תרועה! —
זיי זאָלען אויפוועקען יעדע בריאה.
אַלע טעכטער און זין פון מענשליכען מין
זאָלען זיך מאָרגען פריה צושטעלען צו זיין געצעלט,
יעדער צו קריגען פון הקב״ה אַ תיקון
און יעדער מיט זיין תיקון מתקן זיין די וועלט.

שבת פאַרטאָג, ס׳איז נאָך געווען כמעט נאַכט,
איז שוין יעדעס נפש פון הוה און עתיד
געשטאַנען פאַר די הימלישע טויערען.
שטערען און מזלות האָבען געוואַכט
איבער זייערע אָפענע מיילער, אויגען און אויערען.

און דער באַשעפער האָט צו אַלע און צו יעדען געזאָגט:
„מיט׳ן שעפעריש׳ן פייער וואָס איך האָב פערמאָגט,
האָב איך אַלע וועלטען באַשאַפען, אַלע זיינען מיר טייער,
אָבער, אייער קליין גן־עדן׳דעל איז מיר אַמטהייערסטען —
ווייל איך האָב עס באַשאַפען מיט׳ן פלאַם דעם פייערסטען
און איצט געב איך יעדען פון אייך אַ פונק פון דעם פייער.
מיט דעם ניצוץ וועט איהר די פינסטערע אַלטע וועלט בעלויכטען
און בענייען
און מיר וועלען זיך צוזאַמען פרייען.

אין חדר אַריין

ווערסטו מענש דיין ניצוץ היטען,
בין איך דיינס;
ביסטו מיינס
און מיר זיינען איינס.
ווערסטו מענש דעם ניצוץ ניט היטען,
בין איך ניט דיינער;
ביסטו ניט מיינער,
ביסטו אַ זאַק מיט טויטע ביינער.

איך וויס, ביסט אין אַלטאַרן זעהר רייך!
זיי זיינען ווינקעל־שטיינער פון לעבענס־בנין, אָבער וואָס איז שייך
דעם ניצוץ וואָס איך געב דיר איצט,
דאָס מוז זיין דיין עיקר־עיקרים / דער יסוד־היסודות פון דיין מזבח /
און דאָס מוז זיין אויף דיין זכרון / מוח און האַרץ אויסגעקריצט
אייביק ווי איצט/."

און אַזוי האָט ער גערעדט צו די נביאים:
„איך געב איך זיך, אָ, מיינע פלאַמען,
איהר זאָלט פאַר אַלע מענשען זיין
טאַטע־מאַמעס און אַמען.
און ווען איך אַליין וועל געגען מיינע קינדער
אַן עוולה בעגעהן,
זאָלט איהר עס מיר זאָגען גלייך אין פנים אַריין. —
איהר זענט דאָך די גבורה פון מיין גייסט,
טאָ שטעהט פאַר מלכים ושרים גלייך און דרייסט.
קיינמאָהל ניט, פאַר קיינעם ניט,
ניט אפילו פאַר מיר קניען,
ווייל זינקענדיג אין טהאָלען פון צער שטעהט איהר ביי מיר העכער
ווי די בערג פון ציון
און דערגרייכט העכער
פון מלאכים וואָס פליהען."

און אַזוי האָט ע ר גערעדט צו די אַרבייטער:
„איהר קענט אייך אַרבייטען, אַלעס לויט אייער גוסט,
אַבי אַרבייט פריי, לעבעדיג און טיכטיג.
דינט אָבער מיט אייער אַרבייט נאָר מיך און צו מיר גלוסט,
מחמת איך בין בטבע סכנות׳דיג אייפערזיכטיג.

און איהר קינסטלער האָט ניט קיין רעכט צו קאָפּירען מיינע בילדער און געשטאַלטען,
ס׳זאָל אַלעס בלייבען קוואַטש, נאָך ערגער ווי ביים אַלטען!
נייך, טעגליך מוזט איהר די מעשה בראשית איבערפרישען און איבערשאַפען
מיט פרישערע פיש, פליהענדערע פייגעל, פאַנטאַסטישערע פערד,
אפילו מיט נייע מינים טיפען אַפען
מוז ווערען בעגליקט מיין ערד.
לערענט מיינע מלאכים נייע נגונים, נייע לידער,
ווייל די אַלטע זיינען מיר שוין שרעקליך דערווידער.
און דאָס גאַנצע מענשליכע מין
פון גרויס ביז קליין,
האָט געדונערט און געוויטערט, אמן!"

אדם־וחוה

צו אדם׳ען האָט דער בורא גערעדט אַזוי:
„דו ביסט דער פרישער מאָרגענטהוי,
די בכורה פון די גוטע זוימען.
מיט מיין ניצוץ צינד אָן מיט׳ן ריכטיגען נאָמען
יעדען חי, יעדען דומם.
און פערגעס ניט, אדם, איך בעט דיך,

אין חדר אַריין

אַז יעדער נאָמען און אות פון נאָמען מוז האָבן אַ שייכות
צו דער סביבה, שטאַם און שטח.
דער בת־קול פון נאָמען מוז אין קערענדעל פון חי
און דומם אַריינדרינגען
און דאָרט זיך ערשט צוזינגען!
מיט אַ פאַלשען נאָמען פעלשסטו, —
ווייסטו געגען ועמען? —
געגען מיינע ש״י עולמות
און ש״י מאָהל ש״י נעמען.״

און חוה׳ן, דער דעליקאַטער פרוי,
האָט דער האַר קאָמפּלימענטירט אַזוי:
„אָ, חוה לעבען, פייערדיגסטע פון אַלע טויערען,
רוק אָוועק די שטראַהלענדע לאָקען פון דיינע אויערען
און הער זיך זעהר גוט צו:
עס איז שוין געקומען די מזלדיקע שעה
זאָלסט ווערען טראַגענדיג מיט ממשות און מיט פאַנטאַזיע,
אַריינצוזויגען אַ נשמה אין חומר פון אייראָפּע
און אַ גוף אין דעם חלום פון אַזיע,
און מעשה׳לעך דערציילען וואָס זאָלען היילען
די צובראָכענע הערצער פון אַלע איבריגע וועלט־טהיילען;

זאָלסט אויך לערנען די קונסט פון בעוועגונג און טאַנצען
ווי מאַלפּעס, בערען, שלאַנגען און פלאַנצען.
אָבער איך ציטער, חוה׳שי, דיך אַזוי אַלזייטיג צו טאַלענטירען,
זאָלסט ניט אַמאָהל מיינע קינדער, חלילה, פערפיהרען.״
און דאָס גאַנצע פאַנספערשוינעריש מין,
פון גרויס ביז קליין,
האָט געדונערט, געוויטערט און געציטערט „אמן!״

מזל־טוב

ווען זיי האָבן געהערט דאָס וואָרט,
איז אדם וחוה געשטאַנען דערנעבן;
זיי האָבן זיך הייס פארליעבט אויפ׳ן אָרט,
פשוט ס׳גאַנצע לעבליכע לעבן.

און וואָס איז ס׳וואונדער?!
זיי זיינען דאָך ביידע געווען געראָטענע קינדער,
דערצו נאָך אונטערגעהייצט פון די ניצוצים
פון הימלישען אָנצינדער.
האָבן זיי געשטעלט אַ חופה, כהרף עין,
אויף די פיער בערג פון ירושלים;
צוגעבראָכען כדת משה וישראל דעם לבנה־טעלער,
געפראַוועט אויף זיבען הימלען זיבען בעלער.

און היינט די אויסטערלישע דרשה־געשאַנקען!
פון זון און לבנה — בלאַנקען,
פון בלאָהע הימלען — געדאַנקען,
פון גאָלד און זילבער — קלאַנגען,
פון נאַכטיגאַלען — געזאַנגען,
ווי אויך בגילופינקייט פון וויינטרויבען,
באַפליגעלקייט פון פייל און בויגען
און חן־וחסד פון טערקעלטויבען,
און נישט צו פאַרגעסען די פּערפיומען,
וואָס האָבן אַריינגעשיקט די בלומען,
און די האַרציגסטע אַפּעטיטען,
פון א י ה ם אַליין, דעם מחותן.

און אַזוי ווי ס׳איז געווען דאָס ערשטע חתן־כלה,
האָט נייגעריקייט געבראַכט צו דער חתונה אַלע,
אַלע מענשען קינדער פון שם, חם ויפת,
אַלע פון בראשית ביז אחרית־הימים,
אַלע זיינען אויף דער חתונה געקומען,
געקומען אַנטייל נעמען זיינען אַלע עס
אין דעם חתן־כלה נס!

עס איז אפילו געקומען די פרה־אדומה,
מיט רויטע אייטערס און ווייסע נשמה,
קיינער האָט ניט געוואוסט פון ווי און פון וואַנט,
זי האָט געבראַכט פאַר חתן־כלה אַ מילך ווי שמאַנט.

עס וועט קיינמאָהל ניט ווערען פאַרגעסען,
ביים מין וואָס הייסט „מענשען"
ווי נאָכן גן־עדן׳דיקען עסען,
און נאָכן געטליכען בענשען
האָבען די נשים צדקניות פון יעדער ראַסע,
געמאַכט אַ רונדען קראַנץ,
און חוה האָט געטאַנצט אין מיטען אַ בלאַסע,
דעם „אונשולדס־טאַנץ",
מיט באַדעקטע אייגעלעך,
מיט קליינטשיקע דראָבנע טריטעלעך,
און מיטן קלענסטן פינגערל,
צווישען שמאָלע ליפּעלעך.

ווער אָבער האָט זיך עס געזאָלט ריכטען,
אַז אָט די אונשולדיגע חוה,
וואָס האָט קוים געקאָנט צוויי ציילען . . .
וועט אַמאָהל שרייבען אַ „שלאָגער",

דעם „בעסט־סעלער“ פון בבל,
וואָס וועט אונזער וועלט אַוועק׳שחט׳ן
מאַכען פון מאַמע־ערד אַן אלמנה
און פון גאָט׳ס קינד אַן אָבל . . .

אדם, נאָמענגעבער, האָט חוה׳ן הערצאיש געליעבט,
ווען ער האָט ניט געקאָנט מחייה־מתים זיין
אַ חי אָדער דומם מיט אַ האַרמאָנישען נאָמען,
זיך געפיהלט פערביטערט, בעטריבט,
און איז אַרומגעגאַנגען פול מיט זעם,
ווי אַ פּאָעט אַז ס׳פעהלט איהם צום גראַם.
פלעגט חוה׳ס אַ שמייכעלע, אַ גלעטעלע
איהם אויסבעטען אַ פוכען בעטעלע;
און ווי ער האָט נאָר דעם קאָפּ אַוועקגעלעהגט,
איז צופליהען געקומען
דער בעפליגעלטער נאָמען:
איהם איינגערוימט ווי מ׳דאַרף די זאַך רופען,
און ווי רוהיגע פייגעלעך
זיינען אדם׳ס אייגעלעך
איינגעשלאָפען.

חוה׳ן כנגדו פלעגט דער געבורט פון מעשה׳לעך
אייביק אָנקומען זעהר לייכט, —
שטיפענדיג, לאַכענדיג, האָט זי זיי אויסגעקייכט.
אפילו ניט געגעבען אַ טראַכט
און שוין האָט איהר טויזענד מעשה׳לעך
אין איין נאַכט.
העלזעלע איין קלינג,
אייגעלע איין ווינק,
איין דריי זיך ווי אַ טרענדעלע
און שוין אַן אונגלויבליך לעגענדעלע.

אַ קעצעלע

און איצט, בני־ישראליקלעך, איצט איז די צייט,
און דאָ, בנות־ישראליקלעך, דאָ איז דער פּלאַץ
צו דערצעהלען פון דער טראַגישער קייט,
וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ קאַץ.
ווען חוה איז אין קינסטלערישע אסיפות געווען פּערנומען
און אדם האָט אַרומגעזוכט אַ קנעפּעל פאַר דעם פאָדעם,
האָט ער אַליין צו זיך געטהון ברומען:
„לא עליכם! לבדו יחיה אדם . . . "

און אַזוי ווי ער שמייכעלט אין זיך אַליין,
גליטשט זיך אַ רייכגעפּיטערט קעצעלע אין זיין איינזאַמקייט אַריין
מיט צוויי אייגעלעך, חושך־דורכשניידענדע, בריליאַנטען,
און מיט אַפּעטיט פאַר ראַפינירטע פרה־אדומה שמאַנטען.
„אַן אידעל, אַריסטאָקראַטיש קעצעלע,"
האָט זיך אדם געטראַכט
און פון זיינע טראַכטונגען
האָט ער אין זיך געלאַכט.

וואָס מעהר עס האָט גענאַשט,
אַלץ ליעבער האָט ער עס געקריגען
און וואָס מעהר ער האָט איהר פיטערל געבאַרשט,
אַלץ מעהר איהר ליעבע האָט צו איהם געשטיגען.

אדם האָט געהאַלטען אין איין ברומען,
אריינגיסענדיק שמאַנט אין איהר טעצעלע:
„קעצעלע שמערצעלע! קעצעלע סערדצעלע!

וואָס זאָל איך דיר געבען, וואָס פאַר אַ נאָמען?
עס איז דאָך ניטאָ קיין נאָמען זיס גענוג פאַר דיר!
אָ, פאַרוואָס נאַשסטו מייך האַרץ אַרויס פון מיר?״

און ס׳קעצעלע האָט זיך געשאַרט בע׳חנ׳ט און זיס,
זיך געלאַשטשעט מיט געבעט אַרום אדם׳ס פיס:
„אוי, געב מיר דיין נאָמען,
אויב ניט, וועל איך אומקומען.
דיין נאָמען וועט זיין מיין ליד, מיין שטיב,
איך האָב דיך אַזוי, אַזוי ליעב מיט יעדען גליד״
און געלעקט זיין פנים, זיין אָטהעם, זיינע פיס:
„אָה, דו ביסט מיין פרדס, מיין פּאַראַדיס!״

ווען חוה, די חכמת, איז אַהיים געקומען,
האָט זי גוט, גוט, גענומען אין אַכט
וואָס אדם געהט אַרום מטושטש און פערטראַכט.
זי האָט אָבער איהר מאַן
ניט געוואָלט שטערען;
זי האָט דאָך איהם געליעבט ווי אין אַ ראָמאַן
ניט נאָר סתם געהאַט גערען!

אויף איהרע לעפצען האָט זי עס ניט געבראַכט
אָבער אין זיך האָט זי עס געטראַכט:
אוי, אדם! אדם! מיט אַ שיינע פּאַטראָווע
האָסטו מכבד געווען דיין ליעבע חוה!

ויהי היום, האָט זיך איהר ליעבע צוברענט,
איהם אַרומגעכאַפּט מיט פייערדיגע הענט:
„אָה, קום אַריין אין מיין געצעלט,
אדם׳שי, קרוין פון מיין וועלט!״

אין חדר אַריין

האָט אדם מיט כעס אויפגעריגעלט איהרע פינגער
און געשריגען אויף איהר:
„חוה! חוה! וואָס ווילסטו פון מיר?
שטערסט מיר אין מיין עבודה אָנשטאָט מיר מאַכען גרינגער!
זעהסט דאָך ווי ס׳קעצעלע רייסט פון מיר די הויט,
זי מאַכט מיר דאָך דעם טויט,
׳אַ נאָמען געב מיר, אַ נאָמען,
וואָס זאָל זיין זיס ווי אַ ציקערל אין אַ האַרעם
ווי מיין פעלצעלע ווייך און וואַרעם׳;
דער באַשעפער ווייס אַז עס קאָסט מיך שוין אַ פערמעגען אין פונקען
און אין שוויס;
איך גיי דאָך ווי אַ משוגענער אַרום,
נישטער צווישען שימות, אותיות און קלאַנגגען אומעטום
אין עולם־היצירה, אין עולם־התהו,
און קען דעם ריכטיגען נאָמען ניט געפינען,
אַ נאָמען וואָס זאָל האָבען אי רוח־הקודש אין זינען
און זאָל זיין אין האַרמאָני
מיט איהרע אויגען בליצען, ווייך פיטערל און חן דאַצי.״

האָט חוה זיך בעגאָסען מיט ביטערע טרעהרען:
„די נאַשערקע האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט
מיין לעבען צו צעשטערען!
ווילסט אפשר זי פאַר מיר איבערבייטען?
געדענק, אדם, געדענק!
איך וועל זי מימית׳ן און זיך טייטען!״

האָט אדם מיטן פויסט דעם טיש געשלאָגען:
טאָרסט דאָס נישט זאָגען!
זינדיגסט געגען ניצוץ־געבאָט!
האָסט דאָך געהערט ווי דער האַר גאָט

האָט צו דיר געֶרעדט:
„'דיין ניצוץ זאָל זיין דיין שליחות, דיין מזבח, דיין בעט;
נישט בעלאַנגען צו יעדען קינסטלערישען קאָמיטעט'."

„און אונזער ליעבע איז שוין ביי דיר גאָרניט קיין בעט, קיין מזבח?!"
האָט זי געֶרעדט האַרט און געקוקט ווייד.
„דו ברענגסט דאָך די נאָך ניט געבוירענע דורות פאַר קרבנות,
ניט נאָר מיך אַליין,
זיי וועלען דיר דאָך קיינמאָהל ניט, קיינמאָהל ניט מוחל זיין."
און חוה האָט טיעף געזיפצט:
„ווי, ווי!
איך האָב דאָך געזאָלט זיין די 'אם כל חי'."
און זי רעדט צו אדם'ען,
„דו האָסט דאָך אַליין געהערט
ווי מיר איז אויך געוועזן באַשערט
צו קריגען פון יוצר דעם ניצוץ־היצירה אַ געשאַנק;
דאָך שטעהרט עס מיר ניט
אין מיין ליידענשאַפטלעכען פערלאַנג.
אַזוי מיך צו בעליידיגען מיט'ן תירוץ פון 'ניצוץ' און 'עבודה,'
אָוועקצורייסען פון זיך מיינע פער'חלש'טע הענד.
זיי זיך מודה, אדם, זיי זיך מודה,
אַז פאַר חוה'ן ביסטו אימפּאָטענט!"

„חוה'שי, וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו פאַר אַ שטות?!
דו ווייסט דאָך, אַז איך ווייס יאָ וואָס הייסט געֶנוס;
דאַרפסט אָבער וויסען, אַז דיין עבודה פון לעגענדע און געזאַנג
וועקט נאָך און סטימולירט געשלעכטלעכען פערלאַנג.
אָבער להיפך מיין עבודת־הפּרך
פון געפינען האַרמאָנישע נעמען בלויז,
נאָגט שוין געֶנוג דעם מאַרך פון די ביינער אויס:
מחמת זה מוז איך זעקס טעג זיין אונבאַדינקט

נאָר צו מיין דינסט פון שם איבערגעגעבען.
שבת און יום־טוב וועל איך אם ירצה השם / פון ליעבע זיין בעזינגט
און בעווינקט /
און זיין געווידמעט נאָר צו דיר, חוה׳שי, נאָר צו דיר, מיין ליעב לעבען.״

„האַ־האַ־האָ! אי״ה שבת און יום טוב!״
האָט חוה היסטעריש געטהון לאַכען.
„איך זעה שוין, איך זעה שוין, אַז מיט דיר
איז ניטאָ וואָס צו מאַכען.
געה צום טייוועל! געה צו די קעץ!״
און פערהאַקט די טיר
מיט אַן אייפערזיכטיקען זעץ.

חוה איז נעלם געוואָרען
אין אַ קאָכעדיגען ים פון רוגז און צאָרען;
און אדם איז געבליבען איינזאַם אַליין,
און אויסער ס׳קעצעלע און מאַמעשי־ערד.
האָט זיך קיינער צו זיין געוויין
ניט צוגעהערט.

חוה׳ס אומגליקליכע לעגענדע

חוה האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס!
מ׳קען ניט ענטלויפען פון דעם אל נוקם ונוטר, פון דעם אל־צבאות:
אַז ער האַלט דיך פעסט געבונדען, דער עתיק־יומין,
אין זיינע אייזערנע קייטען צוואַנגען און צוימען.

זי האָט אויך טיעף אין האַרצען געוואוסט,
אַז אדם איז אַ ברעקעלע ניט שולדיג:

„מיט איינעם, וואָס האָט אַ שליחות, וואָלט איך געמוזט
אַ קאַפּיטשקעלע מעהר זיין געדולדיג.‟

דאָך דאָס צווילינגעל, אייפערזוכט און ליידענשאַפט,
האָבען זי געצוואונגען צו נעמען דעם געפעהרליכען שריט;
זיי האָבען שוין אַזאַ איבערנאַטירליכע קראַפט,
ווען זיי אין אַ ראָמאַנס זיך אַריינמישען פונקט אין דער מיט.

להכעיס אדם, השם יתברך און איהרע אייגענע גוסטען,
זיך געפאַרבט קאַניבאַליסטיש־רויט האָט זי איהרע ליפען,
מיט אַ שטאָהלענעם קאָרסעט געבונדען איהרע צאַרטע בריסטען,
אויך איהר חוט־השדרה און מנורה׳דיגע ריפען
וואָס לויכטען מיט עזות פון אַ באַזיס
פון פעלזיגע היפטען.

אויך האָט זי געפודערט איהר נאָז אַזוי געדיכט,
אַז ס׳האָט אויסגעזעהן ווי אַ חלב׳ן ליכט
און איהרע באַקען געפאַרבט אַזוי רויט,
ווי רויזען־בלעטלעך ווען זיי זיינען טויט.

אויך אונטערגעהאַקט דעם שטראָהלען־צאָפּ
פון איהר זונען־קאָפּ
און בעדעקט דעם בוקעט
מיט אַ בלומען־טאָפּ.

אויך די פענסטערלעך פון איהרע פינגער
האָט זי דיק אינעמאַלירט
פינגער וואָס נויטיגען הימלישע ליכט
כדי צו זיין אינספּערירט.

אויך איהרע פּיס, אָנגעצונדענע מיטן ניצוץ פאַר טאַנץ,
געפּענטעט ווי אַ געבונדענע גאַנז;
יעדען אונטערגעשטעלט אַ הויך קלעצעלע.
זיי האָבען געוואָקעלט איהר קערפּערליכען באַלאַנס,
ווי איהר גייסטליכען, אדם׳ס, קעצעלע.

און אַזוי וואַנדערנדיג פון לאַנד צו לאַנד,
יעדער שפּאַן אַ חתימה פון יאוש אויפן הייסען זאַמד,
האָט זי ענדליך זיך דערשלאָגען צו בבל׳ס טייכען,
און אין זייער ליימיגען שליימיגען שמוץ וואָס האָט קיין גלייכען,
האָט זי גענומען בלאָטע־בעדער;
אָבער נאָך מעהר איז זי געוואָרען פערשוואַרצט
דורך איהרע אייגענע גאָלדענע פעדער.

ווייל מיט איהר פעדער האָט זי אין בבל געשריבען
די בלבול־לעגענדע פון גלות־פאַראַדיעז,
אַז ס׳מענשליכע מין האָט גאָט פאַרשאָלטען און פון גן־עדן פערטריבען.
און די לעגענדע איז אריין אין דער אַנטהאָלאָגיע פון אַלטען בראשית.

די לעגענדע איז בלי ספק טאַלאַנטפול, טעמפּעראַמענטפול און טיעף;
זי האָט אויך די מעלות, וואָס זי איז אַנאָנים און אָביעקטיוו;
והא ראיה, זי איז דאָך געוואָרען אויסגעניצט
אַלס דער „שלאָגער" פון אַלע בבל׳ען;
עפּעס אַ געטליך גליק, זי איז ניט אויך אויסגעקריצט
אויף די לוחות־טאָוולען!

ס׳איז דאָך אַ בלבול, אויפ׳ן גן־עדן לעבען,
ס׳גראָבט דאָך אַ קבר אונטער יעדען טריט,
ס׳פירט דאָך צו דער שטוהל פון תכרוכים־וועבען
און לעשט אויס יעדע זוניגע מינוט.

זי האָט עס אָבער אדם׳ען להכעיס געטהון
און די טעג פון איהר תשובה
האָבען פערפלייצט איהרע זינדיגע שעה׳ן.

ווייל איהר וואונדען־געלעכערט געוויסען
האָב ווי אַ ריב־אייזען איהר האַרץ געריסען;
פון ענגער גאַס אָפענע ליפּען,
פון מאַרק׳ס אויפגעריסען מויל,
פון פלאַצעדיקען געלעכטער,
פון געגליווערטען גרויל,
פון יעדער שטימונג און געמיטה
האָט אַרויסגעזונגען
דאָס שפּיגעל ליד.

דאָס שפּיגעל ליעד

א געשליפענער שפּיגעל מיטן פּנים צו דער וואַנט
האָט געהאָנגען פער׳אבל׳ט אַ לאַנגע צייט.
האָב איך איהם אומגעדרעהט מיט ליעבשאַפט פון האַנד;
די טרעהרען איהם אָבגעווישט, איהם דערפריידט.

האָט ער איבער מיר געוואַכט טאָג ווי נאַכט,
בעלויכטען די וועלט ער האָט געשפּיגעלט;
אַלעס וואָס ער האָט נאָר אויף אַ רגע בעטראַכט,
האָט ער אויף אייביק אין זיך פערזיגעלט.

כ׳האָב איהם בעלעבט מיט גלענצענדסטע געשטאַלטען,
מיט ירושות פון דויערנדע דורות פון וואוילע ווינקלען,

פון שעהנסטען, פון בעסטען, פון נייעם, פון אַלטען,
איהם געגעבען איבערצווילבערען, איבערצופינקלען.

ביז ער איז געוואָרען קלוג ווי דער טייך,
וואָס וויס דעם חלום פון פערל און סוד פון פיש,
ביז ער איז געוואָרען ווי די לבנה בלייך,
וואָס וויס דעם חלום פון שטערען און סוד פון קיש.

אַזוי האָט דער קדמון געפונען אויך דיך,
ש"י עולמות פערזייט אין דיינע צוויי אויגען;
נאָר דו ביסט געפאַלען, געפאַלען ביי זיך,
דיין ליכטיג פנים פון איהם אַוועקגעבויגען!

נו, קעהר זיך שוין אום צו איהם צוריק,
מאַך ניט חרוב וועלטען טיעף אין דיר פערזייט;
דיין בליק איז דאָך דער יורש פון זיין גליק —
דער טאָפּעלטער שפּיגעל פון אחד׳ס הערליכקייט.

חוה׳ן נעבעך קרענקט און נאָך אדם׳ן זי בענקט

צ וצופּרעסען דיין העמד,
מיט הייס־ליעבענדע הענד,
מיין אדם׳שי, מיין טרייער,
צוצונייען אַ קנעפּעלע,
צוצעוואַרעמען אַ טעפּעלע,
געשפּרינגען איך וואָלט אין פייער.

איך וואָלט געלאָפּען ווי הערשען,
צו ברענגען דיר קערשען,
דו האָסט זיי דאָך אַזוי ליעב!
בלויס דיין קול צו הערען,
מיט קאָכעדיקע טרעהרען,
געוואַשען איך וואָלט דיין שטיב.

איך וואָלט געלאָפּען צו דיר,
אויף די פינגער פון אַלע פיער,
בלויס צו גלעטען דיין בעט,
כ׳וואָלט געבאַקט דיר פלעצעלעך,
געשפּיעלט זיך ווי קעצעלעך
אָבער יעדער האַרצקלאַפּ שלאָגט מיך על־חטא.

ווייל איך האָב אַ לעגענדע געדיכטעט
וואָס האָט ס׳גן־עדן פאַרניכטעט,
און גרויס ווי די וועלט איז מיין זינד,
כ׳מוז זיך ערשט אין ירדן ריינוואַשען,
אָהן קאָרסעט, אָהן קאָמאַשען,
צו קענען ברענגען אויף דער וועלט אַ ריין קינד.

חוה אין שפּיטאָהל

דען חוה האָט זיך בעטראַכט אין „בבל׳ס שפּיגעל“,
(אַזוי האָט דער טייך גראָד געהייסען,)
איז איהר אָנגעגאַנגען פאַר זיך פּשוט אַ מיגעל, —
געוואָלט אויף שטיקער זיך צורייסען.

און געטראַכט אין זיך „די זומפּיגע בבל־טייכען
קענען ניט ריינוואַשען אַ זינד־צייכען,״
„מען מוז געהן צום רופא־חולים, און טאַקי גיך
און איהם אַלעס דערציילען;
נאָר ע ר קאָן היילען.״
זי האָט דאָך געוואוסט,
אַז דערפאַר איז פערהאַנען אין גן־עדן אַ שפּיטאַהל,
וואָס זייט ימי־בראשית הייסט
ארץ־ישראל.

איז זי אַהין. אויסגעטון איהר קאָרסעט און קאַמאַשען,
אין ירדן גוף, לב ונפש ריינגעוואַשן;
זי האָט ווייטער אויסגעזעהן ווי אַן אונבאַשרייבליכער גן־עדן —
עס איז באמת געווען פון עפּעס צו ריידען!

איז זי אַרומגעגאַנגען אין די טאָהלען פון מענשענס לײדען,
צווישען זיי, וואָס איהר לעגענדע האָט פאַרטריבען פון גן־עדן,
און אויסגערופען: „קוקט אָן די וועלט, באַקעט ווי זי איז;
איז זי דען ניט קיין פּאַראַדיעז?!

זעהט, אין טעפּ פון טייכען, אין באַליעס פון ימים,
באַקט זיך באַרג, וואַשט זיך לאַנד
מיט עפּעל וואָס רייצען, מיט פלוימען וואָס פלאַמען,
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען אַ פולע האַנד.

זעהט ווי איבער קעסלען, פאַנען, מילטער און טעפּ
שטעהען זון און לבנה מיט גאָלד־זילבער צעפּ,
(און פאַרגעסט ניט אַז די לעבליכע לבנה
איז שוין ניט פון היינט אַן אלמנה.
זי האָט שוין לאַנג ניט די כוחות פון אַמאָהל,

ס׳געהט ניט אַוועק אַ חודש אין קיילעכדיגען יאָהר
איהר לעבען זאָל ניט העגגען ממש אויף אַ האָר ;
דאָך איז אַלעס גרייט צו דער ריכטיגער צייט,
פּאָר מחותנים און געסט פון נאָהענט און ווייט.)

זעהט, איך, חוה, בין דער וועלט׳ס עדות,
איך בין דער ירדן! דער כרמל! דאָס הייליגסטע אָרט!
די הרי יהודה, דער פּאַראַדיעז
פון אל־חי, פון גאָט!״

האָט יעדער אויסגעשריי
בעגעגענט נאָר שפּאָט.

ווייל איהר לעגענדע האָט געלעכערט דעם מדבר
ווי אַ וואָרעם וואָס דרינגט דורך די שאָהל,
אַריינגעעגבערט זיך אין ירושלים —
און פאַרפוילט דאָס קערענדעל פון ארץ־ישראל.
האָט זי געשריגען: „אוי, אַ בראָך!
וועה איז מיר! וואָס שפּעט איהר פון מיר?
איך, חוה, איך אַליין האָב זיך דאָך
די ליגענדע לעגענדע אויסגעטראַכט
אין בבל׳ס אַ שטאָק פינסטערער נאַכט״;
איז זי געוואָרען נאָך מעהר אויסגעלאַכט.

די יחידי־סגולה, וואָס האָבען געגלייבט איהר וואָרט,
האָבען זי צו זייערע נשמות און הערצער צוגעפיהרט
און איהר געוויזען, אַז די לעגענדע איז שוין דאָרט
שוואַרץ טאַטואירט און טיעף גראַווירט.
און איהר געוויזען שוואַרץ אויף ווייס,
אַז אין דער געטליכער אַנטאָלאָגיע איז שוין אַריין איהר גרייז.

„רעד צום בורא, / טהו תשובה און בעט! /
נאָר מיר האָבען שטאַרק מורא,
עס איז שוין צו שפּעט.‟

האָט זי זיך יעדען טאָג אַוועקגעזעצט באַטריבט
ביים טעמפּעל׳ס טויערען,
געזונגען איהר טרויער־און טרייסט־ליעד
צו מענשען, וואָס האָבען זיך פערשטאָפּט די אויערען:
געזונגען און געקלאָגט,
ביז זי איז ווי דער טאָג
אַוועקגעפאַלען טויט מיעד
פון איהר אייגען ליעד.

חוה׳ס טרויער־און טרייסט־ליעד

א מעשה׳לע דערצעהל איך
פון אַ פּרינץ אַ בן מלך,
פון מלך מלכי המלכים —
פון מלכים אלפי אלפים.

דער פּאַלאַץ פון דעם פּרינץ
איז ניט אַ פּיצעלע פּראָווינץ,
נאָר אַ גאַרע גרויסע וועלט,
וואו אַלעס אַרום בלויז קוועלט.

אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה;
אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה.

האָב איך, חוה, איהם איינגערעדט,
זיין פּלאַץ איז אַן אונריין בעט:
קויט און טויט, שינד און זינד,
און ער איז אַ פערטריבען קינד.

האָט ער עס צום האַרצען גענומען,
שיער ניט שיער, אומגעקומען;
אַזוי פיעל וועהטאָג, צער און שאַנד
פון אַן אייגענער מוטערס האַנד.

אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה;
אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה.

פערפלייצט האָט ער מיט זיין קלאָג
דעם ים פון וואָכענטאָג,
דעם שחרית און דעם חצות:
וואָרט, קלאַנג און אות.

דער מבול פון זיינע יללות
איהם פערשלעפּט פון גלות צו גלות,
אָהן אַן ערד צו שטעלען אַ פוס,
אָהן אַ הימעל צו שיקען אַ גרוס.

אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה;
אלי, אלי, י־ל־ל־ה,
אלי, י־ל־ל־ה.

אין חדר אריין

אָה, קינד מיינס, זיי געטרייסט:
ניט טרויער, מיין לעבען, מיין גייסט,
דיין פּאַלאַץ איז דאָך דער שענסטער,
די שטערען דיינע פענסטער.

הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה;
הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה.

דער טאַטע האָט ניט פערטריבען,
אין גן־עדן ביסטו געבליבען:
אַלע אוצרות פאַר דיר געקליבען
און ימים און הימלען זיבען.

הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה;
הללו־יה, יה, יה, יה,
הללו־יה.

אַ מעשה׳לע דערצעהל איך
פון אַ פּרינץ אַ בן מלך,
פון מלך מלכי המלכים —
פון מלכים אלפי אלפים.

/עס זינגט זיך, קינדערלעך, מיט דער מעלאָדיע פון „אַמאָל איז געווען אַ מעשה״./

פון טרויער צו פרייד

ווען ביי די טויערן פון בית המקדש מאַמע חוה איז געזעסן,
על חטא זיך געשלאָגן,
אין טרערן זיך געצוואָגן,
אַ לעבעדיגע זיך אויפגעגעסן,
האָט זעלטען זיך אָבגעשטעלט אַ פאַרבייגעהער
אַרויסצושעפּען ס׳בליי פון טרויער און טרער.

איז חוה, די חכמת, אויף אַ פּלאַן געפאַלען,
אַנצוטהון איהר שליחות מיט אַ קאָמיש קלייד:
אויף אַ וויץ, אַ קונץ, איז דאָך דער עולם אַ בעלן
און ניט ווילענדיג וועלען זיי הערען רעטענדע רייד.
האָט זי זיך פאַר אַן אַקראָבאַטישער טענצערין פערשטעלט,
אויסגעלערנט אַ מאַלפּע דעקלאַמירען ס׳וואונדער פון אונזער וועלט
און גאַנץ ירושלים האָט געקייכט און געקוועלט.

בהמות, חיות, פייגעל און עופות,
אנשים, נשים וטף
און צום שטראָם פון די עולי־רגל צו זעהן דעם מופת
האָט גאָרניט גענומען קיין סוף.

אפילו קרבנות האָבען זיך אָבגעשטעלט:
האַרציג געוויינט און געלאַכט,
עס איז זיי געווען אַזאַ שאָד
זיך צו שיידען מיט אַ וועלט,
וואָס האָט אַזאַ פרייד
נאָך ירושלים געבראַכט.

קינדער אין די וויעגען,
שעפּסעלעך און ציעגען,
האָבען געוויינט און געלאַכט
און געוואוסט פאַרוואָס
האָבען שטראָהל און גראָז
און דאָס גאַנצע מלכות פון ה׳ צבאות.

אדם זוכט חוה׳ן

און איצט ישראליקלעך,
איז געקומען אַ פערסאָפּעטער דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט,
געקומען צו לויפען אויף פיס און אויף הענד,
געקומען איז ער דעם בעלפער צו דערמאָנען,
אַז עס איז אויך אַזאַ נפש ווי אדם פאַרהאַנען;
און ווי ס׳איז דער מנהג העולם אין שונד ראָמאַנען,
וועט מען זיך העפליך ענטשולדיגען פאַר חוה׳ן
און אויף די אייזערנע קוליעס פון דער פעדער,
שנעל, ווי להבדיל אויף רעדער,
צו אדם׳ען אַהינשפּאַנען.

אדם אָהן חוה׳ן האָט אויסגעזעהען שלעכט באַלויכטען און שלאָבערדיג אַלט
און זיינע טאָפּעלטע הענט און פיס טאָפּעלט קאַלט!
מאַנוסקריפּטען האָבען פאַרשנייט בענק און טישן, —
זיין נעמען־בוך איז געווען זיין קאָפּ־און־קישען.

און יעדעס מאָהל אַ מיטגליד פון די קהילה־קעצעלעך האָט געגנאַשט
דעם שמאַנט,

האָט ער געגלעט איהר פּעלצעלע מיט'ן פּנים ווי מיט אַ האַנד
און אין זיין בענקעניש פאַר חוה, זיין געליעבטע, זיך דערמאָנט.

בייטאָג, יאָך בייטאָג,
בייטאָג איז נאָך אַ האַלבע קלאָג!
נאָר די נעכט, אוי, די נעכט,
זיי זיינען נאָך ערגער ווי שלעכט!

אוי, נישט היינט געדאַכט,
האָבען די קהילה־קעצעלעך
געיאָמערט ביי נאַכט!
געקלאַפּט און געדזשוכניעט אין טיר
און אין דער קאַצענמוזיק באַזונדער
האָט אדם געהערט דאָס שרעקליכע געשריי
פון דער אם כל חי,
און פון איהרע קינדער:
„איבער דיר, אדם, איבער דיר!
געהען מיר פערלוירען
נאָך איידער מיר ווערען געבוירען!"

און דאָס וואָס צו איהם זיינען קלאַנגען דערגאַנגען,
אַז זיין ליכטיגע חוה האָט אויסגעלאָשען איהר ניצוץ אַלס נקמה!
און מיט'ן שוואַרצען בראַנד פון איהר נשמה / פער'חושכ'ט דאָס פּנים
פון גן־עדן /
דאָס האָט כפל כפלים'ט זיין פּיין און ליידען.

האָט ער אַ נדר געטהון' ביי ערטער פון דיך
און ביי הייליגע נעמען פון זיין ווערטער־ביך,
אַז ער מוז חוה'ן געפינען:
ראשית, פאַרן ניצוץ־אלהים.

אין חדר אַריין

דערנאָך פאַר זיך
מוז ער זי צוריק געווינען.

האָט ער זיך איינגעפּאַקט צידה לדרך:
ברויט, קנאָבעל, ציבעלעס און האַרטע אייער אַן ערך
צוויי הונדערט און צוויי,
און פאַר די קעצעלעך פעסעלעך מיט שמאַנט
און ווי זיידע אברהם מיט אַ שטעקעלע און מיט אַ ה
געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד.

ס'האָבען די קעצעלעך אָפּישען געטראָגען,
„ווער ס'וויס וואו חוה טהוט זיך ווייזען,
זאָל תיכף ומיד קומען דערציילען!
מ'ועט אסור ווי חזיר נישט אויסזאָגען."
זיי האָבען זי געזוכט מיט גרינע לאַמטערנדלעך
אין די אויגען
און מיט קערפּערלעך, פּיסעלעך און העלזעלעך
אַרכאַאיש אויסגעצויגען.

יאָ, עס מוז ווערען דערמאָנט אין צייט,
הגם ס'איז נישט אויף ריכטיגען פּלאַץ:
אַז אדם האָט זיך איינמאָהל ביים בערדעל געגעבען אַ קראַץ
און צוויי מאָהל געשפּרונגען פאַר פרייד —
„ ,מיאו!' * וועל איך רופען די קאַץ!"

און ביז היינט צו טאָג,
ווען מיאו'ס נאָכלויפענדע קינדער זיינען אין נויט,
אין מאַטעריאַכאַלישען נאָמען „מיאו" רופען זיי מיט אַ קלאָג:
און „מיאו" ראַטעוועט פון די לאַפּעס פון טויט.

* ראשי תיבות פון „מיאו" זיינען „מי יסלח אדם וחוה".

אַ נייע מעשה־בראשית

אויב דער בורא עולם וואָלט זיך פאַר אונז אידען
ווי „מיאַו" פאַר איהרע קעצעלעך איינגעשטעלט,
וואָלטען מיר שוין געווען גאָר צו פרידען
און אויך געוואוסט דעם טעם פון אַ שטיקעל וועלט.

און איצט קען מען שוין זיך געבען אַ ריהר
און אייך דערצעהלען די געשיכטע אַזוי, עס זאָל טויגען.
יאָ, ישראליקלעך, וואו האָלטען מיר אויפ׳ן פּאַפּיער ?
„ביי ׳ אַרכאַאיש ׳ אויסגעצויגען."
דער בעלפער העפליך און הויך,
„אַ ש׳כוח ! קינדערלעך, אַ ש׳כוח !"

ווען אדם׳ן האָבען גענומען ברעכען די פיס,
מידע פון לאַנגען וואַנדערען,
און אַוועקגעפאַלען ווי אַ שטיין,
האָבען די קעצעלעך געטהון נסים־זיס !
זיי וואָלטען עס ניט געטהון פאַר אַן אַנדערען,
נאָר פאַר אדם׳ען אַליין.

זיי האָבען פון עטליכע פעסלעך
שנעל אויסגענאַשט דעם שמאַנט.
געמאַכט פון די רייפען רעדער,
פון האָלץ — אַ רייטוואָגען.
און אַלע קעץ און קעצעלעך
האָבען זיך איינגעשפּאַנט —
ווי די מעשה־מרכבה איהם געטראָגען.

כהרף עין, זיי זיינען שוין דאָרט,
וואו די הויט פון תפארת
בעדעקט יעדעס אָרט

אין חדר אַריין

אין פּרוכטבאַרען לאַנד
פון האָניג און מילך
און ממילא פון שמאַנט.

און נאָך איידער זיי די טויערען פון ירושלים דערגרייכען,
דערזעהען זיי דורך דער אייביגער וואַנד פון ווייטקייט,
ווי אַ קינצענמאַכעריןֹ, אַ שטיפעריןֹ, אַ לאַכעריןֹ, שטייט, —
אַ זינגעריןֹ, אַ טענצעריןֹ, וואָס האָט קיין גלייכען.

זיי קענען גאָרניט איהר שוואַרצען חן
מיט זייער קאַצן־שכל משיג זיין
פון בעוואונדערונג אַליין
ווערט ביי זיי אַ ״מיאו״־געוויין.

נאָר אַז ס׳דערנענטערט זיך די סצענע
און זיי דערקענען
אַז ס׳איז אדם׳ס חוה,
נאָר זי איז פערשטעלט.
טהוט ר׳ שמחה בר בר חדוה
די קעצעלעך אַרומנעמען
און מאַכט מיט זיי קאָזשעליקעס
ווי לבנה מיט וועלט.

געט אדם הראשון אַ ציה ביי די לייצעס,
אַז אויסגלייכענדיג די מיעדע מתמיד׳ישע פּלייצעס.
שרייט: „מיאו״! „פאַרוואָס לאָזטו דאָס צו?
אויב דו וועסט דיינע זולל וסובה׳ניקעס נישט סטראַשען,
וועל איך, בלי נדר, ניט לאָזען מעהר נאַשען!
הערסט! אויס שמאַנטען!
פאַר די דילעטאַנטען!״

„אָבער אדם׳שי! — לאַכט „מיאַו" און שרייט —
מיר זיינען דאָך אַלע פּאַריקט פּאַר פרייד.
מיר קענען דיר קוים די בשורה דערציילען:
מיר האָבען דערזעהען דיין חוה פון ווייט;
איצט קורצע איילען
זיינען לאַנגע מיילען.

ס׳איז שוין אָבער נישט מעהר ווי אַ קאַצען־שפּרונג,
באַלד, באַלד וועסטו אויך זי קענען זעהען
מיט דיינע האַלב־בלינדע מענשען־אויגען;
זי זעהט אויס אָהן עין הרע, אַזוי שעהן, אַזוי יונג,
מיט אַ מיליאָן נעכט יונגער, מיט אַ מיליאָן טעג שענער
ווי זי איז אַמאָהל געוועז."

ווען אדם האָט אַריינגעקלעהרט ווי זיי האָבען איהם אַהער געבראַכט דאָ,
אַז ער זיי בלויז מיט זיין אויסגעמאָסטען שטעקעלע טהוט טרייבען
און זיי פליהען ווי מיטהאָלאָגישע לייבען,
האָט ער דאָך בעל־כרחך
אין מיאַו׳ס מעשה געמוזט גלייבען.

אדם קומט צו נעהענטער. כך הוה,
עס איז חוה!
ער דערפיהלט דעם בעל תשובה
אין איהר ציטערדיג קול.
זיין גאַנצע מעשה מרכבה
ווערט מאַגנעטיזירט פון איהר בליק,
אָבער מיט די לייצעס פון זעלבסט־קאָנטראָל
רייסט ער זיך צוריק.

ס׳האָבן אויך געגלוסט חוה׳ס ליפּען,
מיט אדם׳ען זיך צוצוקושען
דאָך האָט זי זיי גובר געווען / בייסענדיק זיי מיט די צעהן /
און געבליבען ביים מזבח פון איהר עבודה שטעהן,
און ניט מפסיק געווען צווישען.
האָט זי דען ניט בעצאָהלט טהייער לערען־געלט,
אַ פּעראומגליקליכטע וועלט ?

חוה׳ס מאַלפּע רעדט דבורים

אדם און זיין געמיינדע קעצעלעך, (אָהן די אַפּישען)
האָבען פון דער וויטענס געזעהען באַשיינפּערליך
ווי אלפי אלפים מענשען און בעשעפּענישען
בליהען אַרום חוה׳ן און איהר מאַלפּע ווי ווינפּערלעך,
און ווי אַ מאַלפּע הוידעט זיך אויף אַ באַיאַטשקע
אַזוי גרויס ווי זי איז אויף ניין:
„ניין! ניין! ניין! זיבציג מאָהל ניין!
ניין, ס׳קען אויף קיין פאַל ניט זיין
ווי ברודער־מענש, אַ קרענק, ניט פאַר קיין מאַלפּע געדאַכט,
האָט זיך געלאָזט פון חוה׳ן איינריידען און רעדט זיך איין,
אַז די מאַמע־ערד איז עפר ואפר בלויז, —
אַ הויפען מיסט און שוין! —
און דאָס איז זיין לוין;
אַ זייפענבלאָז,
אַ שנעל איז נאָז
און אויס!
ניין!“

/און אַלע קעצעלעך פון גרויס ביז קליין
האָבען מיטגעשאָקעלט מיט די קעפּעלעך אויף ניין./
„ניין, די וועלט איז דורכאויס
די גין־גאָלדענסטע קרוין
אין בעשעפער׳ס שאַץ;
די בלוט־בלוטיגסטע רויז
אין בעשעפער׳ס לאַץ.

עס איז דאָך ממש נישט אויסצוהאַלטען,
ווי אַלעס פּלאַצט פון טויזענד טעמים,
ווי קלאַנגען שיטען זיך פון געשטאַלטען
און ווערען בעהאָפטען דורך גראַמען!

יעדער הייס־טריפּענדיגער טראָפּ
פער׳שכור׳ט מיר דאָך דעם לאָגעל פון קאָפּ:
גיסט זיך דאָך אַריין ווי אַלטער וויין
דורך יעדען ליעק פון יונגען געביין.

פון יעדען טריל פון נאַכטיגאַל
ווערט דאָך מיין קערפּער אַ טאַנץ־זאַל,
עס זינגט דאָך אין מיר ליעד מיט ליעד:
עס טאַנצט דאָך אין מיר גליעד מיט גליעד.

אָט דאָס נס׳עלע דאָס ניסעלע,
דאָס זיסע קערענדעל אין קנאַקעדיגען שיסעלע:
די האָניג־שפּע עס לאָזען פון זיך מעלקען
די אייטערס פון די שטערען
און טהון קיינמאָהל נישט וועלקען;
קיינמאָהל נישט פערצעהרען,
די כל׳ערליי קאָלירען פון די פּלושענע טעפּיכען

אין חדר אַריין

אין קלענסטען בלימעלע׳ס הויז,
וואָס שפּרייטען זיך אין אַזאַ ענגשאַפט
מיט אַזאַ רחבות אויס, —
די דופטען, וואָס דרינגען אַזוי טיעף אַריין
אין שפּיציגען נעזעלע
פון דינסטען גרעזעלע,
ס׳בעלעקט זיך אַזש ביז זאַט
די צונג פון בלאַט.
דאָס איז דאָך ניט פּסולת בלויז,
הפקר פּיעטרישקע סתם גלאַט!
ניין, ברודער־לעבען, ניין!
דו, דו, דו, דו ביסט אַ באַרג מיסט,
ווייל דו רעדסט דיר אַזוי איין!"

און אַזוי הוידענדיג און בויגענדיג איהר ניין! ניין! ניין!
מיט איהר שפּיעלעוודיגען עלאַסטישען חן
אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף,
ווערט זי פּלוצלונג פערטראַכט
ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פילאָזאָף,
דעם שטערען צוזעגט, די אויגען אין קלעם,
דעם מוח איינגעשרויפט אין . . .
אין דעם ברודער פּראָבלעם
און קען ניט ווערען פון איהם פּטור.
פרעגט מיט אַ פראַגע צייכען־ווײדעל און אויערען:
„מיר זיינען דאָך קינדער פון איין הימלישען פאָטער,
פון דער טראַכט פון איין מוטער־ערד געבוירען;
טאָ פאַרוואָס זשע איז מיין ברודער אַזוי סמוטנע,
אַזוי מעלאַנכאָליש קאַלעמוטנע?
פאַרוואָס זשע טהוט זיין יעדער טריט אַזוי לוויה׳דיג טרויערען,
אַזש די וואַרימע פייגען בלעטער ווערען פון זיינע טריט
ווי אויערען פערפרוירען?

אויב די פרייד פון דאָ־זיין, דאָ־זינגען און דאָ־שפּרינגען
האָט ניט בעזיגט זיין טרויעריג וועזען;
אויב ווי אַן אַלט בעלאַסטעט פערד
שלעפּט ער זיך נאָך דער אַקראָבאַטישער ערד,
טאָ צו וואָס טויג איהם צו זיין געזונד און גענעזען —
געבוירען, דערצויגען, געבילדעט און בעלעזען?

פאַרוואָס נעמט ער אַ שפּרודעלדיג, שפּילעוודיג וואָרט
און בעגראָבט עס אויפן טויטען אָרט? —
אין תכרוכים פון ספרים,
וואָס זעהן אויס ענליכער צו מצבות ווי צו קברים.״

און פונקט ווי ס׳פעדעמט דעם פונקט דער פראַגע צייכען,
/ ווען אַלעס געהט ניט ביים גלייכען . . . /
אַזוי פרעגט יעדען מענש די מאַלפּע,
אָהן בושה און אָהן חרפּה! —
„איז עס טאַקע אמת, אַז דו האָסט זיך געלאָזט פון חוה׳ן,
ווי אַ כעלעמער חזן,
פון אַ „ליגענדאַרע״ לעגענדע איינריידען,
אַז דו ביזט אַן אַרויסגעטריבענער פון גן־עדן? —
אַן אויסוואורף, אַן עפּעל־פרעסער, אַן אַנגעבלאָזענער בלאָזען! —
און דו גלויבסט טאַקע אין דעם גלאָס
פון יעדען וואָרט און יעדען אות?
און איז עס טאַקע וואָהר,
אַז מיט׳ן מילכיגען וועג איז סקעצעלע
אָבער נישט דו אַ פאַסענד פּאָער,
אַז דו ביסט נאָר אַ ווערעמ׳יל אין אַ גרין פערשימעלטען קעז —
און דאָס הייסט ביי דיר זיין ענו׳דיג און רעליגיעז?
אוי, בראַטשיקעל מיינער! בראַטשיקעל מיינער!
מיינסט דאָך אַז דו ביסט אַ גאַנצער ניסען־קנאַקער,
אַ צוויי־פיסיגער ׳יאַ־טיביע־דאַם׳!

צום סוף ביסטו גאָר אַ תמ׳עוואַטער תם!
כ׳בעט איבער דיין כבוד א . . .
ניסען ק אַ . . . . !״

אדם און קעצלעך זעהן פון דער ווייטען
ווי מענשען און באַשעפענישען האַלטען זיך די זייטען;
אויגען און מיילער ווי טויערען און טירען
פון שטרענגסטען וועכטער
קענען זיך ניט קאָנטראָלירען
און פלאַצען פון געלעכטער!

דער אלף־בית טאַנץ

פון דער בעפעלקערונג פון ירושלים אַרומגעקראַנצט
און פון די בערג — ירושלים׳ס אייביקער וואַך,
האָט אדם און די קהילה־קעצעלעך געזעהן
ווי חוה האָט אַן אלף־בית טאַנץ אויסגעטאַנצט,
אַזש פון אפיקורסים בעשטעטיגט „אַ שמים זאַך!״

ראשית האָט חוה ווי אַן אינדיאַנער געטין פּאָזירט,
אין דעם געשטאַלט פון אַן א געפרוירען ווי אייז,
פלוצלונג בלויז עטליכע רגעות וואַלצירט
און איהר גוף איז שוין הייס געבויגען ווי אַ ב.

דער עולם געפינט זיך נאָך ווי אין אַ חלום פון אַ דרימעל,
שטעהט זי שוין אויף איין פוס ווי אַ ג
און אָט שוין ווי אַ ד בייגט זיך, ביקט זיך,
און דער עולם פאַר פרייד קוויקט זיך, שטיקט זיך.

כאַפּט זי וואַלצירענדיג ס׳שטעקעלע פון אדם׳ס האַנד,
שטעקט עס אַריין אין ירושלים׳ס יום־טוב׳דיגען זאַמד,
בייגט זיך איין דערויף און וואָס זעהן זיי?
נאַטירליך די געטליכע ה.

זי שטעלט זיך אויף, זי שמעלט זיך איין,
וויקעלט זיך ווי אַ מומיע אין דער ו אַריין.
זי צושויבערט איהרע לאָקען אַרטיסטיש פיין . . .
און אַ קאָנוואולסירענדע ז פאַר זייערע אויגען טהוט שטיין.

כהרף עין
איז זי שוין אַ ח געבויגען אין דרייען
און זי פאַלט שוין אויף די קניען,
איהרע פיס פון הינטען
כמעט צום קאָפּ זיך ציהען;
חוה אויס ח,
חוה איז ט.

זי שטעלט זיך, בלייבט אַ נאַקעטער פּרוכט־בוים,
יעדע ברוסט — אַן אַפּעל, יעדעס אויג — אַ פלוים.
אָבער באַלד פאַלט זי אַליין אין זיך אַריין,
זי ווערט אַ י׳לע קליינטשיק קליין,
אַזש ס׳קליינוואַרג געט זיך אַ צעוויין.

זיי דאַנזשען קוים רגעות פון צייט צו זויגען,
ענטפלעקט זיך פאַר זייערע פערוויינטע אויגען
אַ הימלישער רעגנבויגען, —
חוה ווי אַ כ זעהען זיי געבויגען.

אין חדר אַריין

און די כ ציהט זיך לאַנגזאַם ווי קוימען רויך,
ביז ווערט אַזש ווי אַ ל הויך;
און בשעת ס׳קליינוואַרג און ס׳גרויסוואַרג
קוקען נאָך אַרויף מיט ערשטוינטע אויגען,
זיצט שוין חוה ווי אַ מ געבויגען.
געט זיך אַ וואָרף אין דער הוילער לופט און . . .
בלייבט פלאַך אויף די פיס ווי אין בלאָטע אַ נ.

זי בייגט זיך און בייגט זיך
און זי איז שוין אַ ס ראָד
אין אַ פליהענדען קאַראַהאָד.

און אַזוי ווי עס יאָגען איהר נאָך בליקען,
ציהט זי זיך אויס אויפ׳ן סאַמע רוקען;
מאַכט פון ביידע הענד איין פויסט אויף איהר שויס
און אַ געבוירענע ע זעהט זי אויס.

די קינדערלעך „ווי ס׳ראָד!" שרייען זיי.
„וואו איז חוה, / די גאָלדענע פּאַווע?" /
אָבער חוה איז שוין געבויגען מיט דער פויסט צו זיך,
זי איז שוין אַן אַכציגערין — אַ פ,
אַן אַלטיטשקע, אַ קאַלטיטשקע אין צו גרויסע שיך.

זי געט אַ שפּרונג, ס׳פּנים בלייך,
די פיס סטשיגיען זיך ווי צוויי ווינטען
און פאַלט, בלייבענדיג זיצען גלייך;
די פויסט בייגט זי אַרויף פון הינטען
און עס זיצט אַ צ און איז מתפלל פאַר אייך.

שלענגלענדיג זיך בליציק, כאַפּט זי ווייטער ס׳שטעקעלע
פון אדם׳ס האַנט:

שטעקט עס ווייטער אַריין אין ירושלים׳ס יו״ט׳דיגען זאַמד,
זי שטעקט ס׳שטעקעלע אַריין טיעף
און שלענגעלט זיך דערויף שיעף ווי אַ ק.

„זי האָט אסור ווי חזיר״, שווערען די קעצעלעך,
„ניט ביינער, נאָר בלויז פלייש.״
און אין שטורמדיגען אַפּלויזמענט
בייגט זי זיך ווי אַ ר,
האַלטענדיג ווי אַ פּרימאַדאָנע
צום האַרץ איהרע הענד.

דער אַפּלויזמענט
פון האַריזאָנט און פון זון מיט לבנה אין פירמאַמענט
שטאַרקט מיט יעדען אות,
און ווען אַלע פייגען און אֶליוּוען בלעטער רוישען ביזזז
/ ! דאָססס איזזז פּאַראַדיזזז ! /
געט זי זיך אויף פעסטע פיס
פריי אַ צולאָז!
ס׳פלאַקערן באַקען!
ביינער קנאַקען!
אויגען ברענען און בריהען!
הענד אין דער הויך פליהען!
אַ פלאַמענדיגע ש.

איצט שווערען די קעצעלעך,
אַז חוה — די עלאַסטישע פּראַכט
איז רק פון ביינער און ביינדעלעך געמאַכט.
אדם דאָס דערהערט,
רוימט ער איין אין זייערע אויערען:
„ס׳קען דאָך ניט זיין פאַרקעהרט,
זי איז דאָך פון מיין ריפּ געבוירען.״

אין חדר אַריין

חוה פאַלט כורעים ווי אַ ת פון שטיין
מיט׳ן קאָפּ אין זונענדיגען זאַמד אַריין,
דאַנקענדיג ירושלים דעם גן־עדן׳דיקען,
צו דער הימלישער ערד אַליין
טהוט זי זיך אַמטיעפסטען ביקען.
צום סוף מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ
איז זי געשטאַנען אויף איין פוס־פינגער: אַ פונקט —
אַ „סטאָפּ״,
ווי אַ טרענדעלע אונזעהבאַר זיך געדרייט
און מיט איהר — וועלט און צייט.

האָבען קינדער קינדער געפרעגט:
„וואו איז חוה׳שי? וואו איז דריידעלע?
מ׳זעהט דאָך זי שוין ניט מעהר״.
האָבען קינדער קינדער געענטפערט,
„זי איז אַרויסגעפלויגען פון איהר געביידעלע
און זיך בעהאַלטען אין אַ טרעהר.״

חוה׳ן זיינען נאָכגעפלויגען די קעצענע אייגעלעך,
אין וועלכע אדם׳ס וואָגען איז געווען געשפּאַנט,
נאָכגעפלויגען חוה׳ן, ווי פון נעסטען פייגעלעך,
מיט הערצעלעך, וואָס האָבען געפלאַטערט, געפלאַמט.
ווען חוה האָט זיך אין אַ הייל אַריינגעדרייט
מחוץ לעיר,
איז אדם געשטאַנען ביי איהר זייט,
נעבען איהר.

און אַזוי ווי די קעצעלעך האָבען זיך בעלעקט מיט שמאַנט,
און געהערט אדם וחוה׳ס פרייד־געוויין,
האָבען זיי געהאַט גענוג טאַקט און פערשטאַנד,
זיי דאָרט ביידען צו לאָזען אַליין.

לימודים פאַרן פיערטען זמן

אַ מעשה נורא ס׳האָט געטראָפען מיט׳ן בורא

אַ סצענע צווישען גאָט און ישׂראל'ס אַמבאַסאַדאָר

די איהר, בני־ישׂראליקלעך / ווייסט פון אַלטע ספרים, /
האָט פון דער גרעסטער אומה
ביז דעם קלענסטען אומה'לע,
איין שר פון אַלע שרים
אין איהר אייגענעם הימעל
אָדער הימעלע.

ויהי, און ס'האָט פּאַסירט
אין פערלויף פון דער היפּשער צייט,
וואָס חוה האָט זיך פערפּלאָנטערט און בעפרייט,
דאָס דער בורא האָט געוואָלט חרוב מאַכען
דאָס מענשליכע מין, האַקעל־פּאַקעל,
און לאָזען לעבען אַלע אַנדערע זאַכען
פון האָן ביז הינדעל, פון קאַץ ביז קעצעל, פון ראַק ביז ראַקעל.

האָבען אַלע שרים ביי איהם זיך געבעטען,
דער גזר דין זאָל בטל ווערען;
זיי האָבען אויך מיט זייער בקשה פערטרעטען
מענשען'ס מזלות אין זייערע שטערען.

דער באַשעפער איז אָבער ביי זיינס געבליבען,
זיך ניט געריהרט פון אָרט,
ער האָט זיי אַלע אַוועקגעטריבען:
„אַוועק פון מיר, איהר בעטלער דאָרט!"

ס׳האָט זיך אויך געפונען צווישען די אַמבאַסאַדאָרען
דער אידישער שר אין זיין גרימצאָרען;
פון וואַנדערען איז ער געווען קראַנק, כראָניש פערקיהלט,
אין אַ מאַנטעל פון זיבעציג לאַטעס איינגעהילט.

האָט דער שר של ישראל ביים האַר זיך געבעטען:
„האָב רחמנות אויף מיין פאָלק, דיין קינד;
יעדער טהוט דאָך סאַי־ווי אויף איהם טרעטען,
וואָס ווילסט דו נאָך פון איהם אַצינד?"

ס׳האָט אָבער קיין שום רושם אויף איהם געמאַכט,
דעם שר׳ס בקשות און געבעטען,
ער האָט איהם שטאַרק נאָך אויסגעלאַכט,
„ווער ביסטו דען ישראל׳ן צו פערטרעטען?"

א.

דאָס האָט שוין אונזער שר שטאַרק פערדראָסען,
זיין ביטערע געפּלאַצטע גאַל אויסגעגאָסען:
„דו ווייסט שוין גאָרנישט ווער איך בין?!
דו דערקענסט שוין ניט דיין אייגענעם זון?!

טאָ דערמאָן איך דיך, ווער דו ביסט,
/ דאָ האָט זיך אונזער שר מיט בלוט צוהיסט /
דו ביסט דיכטער און דראַמאַטיסט
און מיין פאָלק האָסט דו אַליין פערוויסט!

עס איז שוין לאַנג ניט מעהר קיין סוד,
אַז דו ביסט אַ טראַגיש גרויסער גאָט

און מעהר ווי דו ביסט רופא און ריכטער
ביסטו דראַמאַטורג און דיכטער!

די מעשה־בראשית — גראַנדיעזע סצעניזירונג,
די יציאת־מצרים־מאַרשרוט אויפפיהרונג,
די מתן־תורה עפעקטיווע עפּיק, —
יעדעס אַ הערליך טעאַטער־שטיק!

ס'איז ביי דיר ניט די פראַגע פון לעבען און טויט,
דער עיקר — די דראַמאַ זאָל זיין גוט געבויט:
דו האָסט רחמנות מיט עוף, מיט וואָרעם, מיט רינד,
אָבער ניט מיט ישראל'ן, דיין געפייניגט קינד.

האָסטו דען ניט אויפגעהויבען דיין פאָלק ישראל,
ווען עס האָט זיך נאָך געשפּילט מיט געטשקעס
און געוועזן קליין אין צאָהל,
איהם געזעצט ביי דיין רעכטער האַנד,
איהם אונטערגעשטעלט אַ פּוסבענקעל — דאָס שענסטע לאַנד?

לייבען־כוח זיינע לענדען געגעבען,
צו פערציקען די פערציקער פון לעבען
און איהם בעוואָפענט מיט ווערטער, וואָס זיינען געפלויגען
ווי אָט די שטערען־פיילען פון הימעל'ס בויגען;

פּלוצלונג איהם אַוועקגעשליידערט
פון זיין דערהויבען, עהרען־אָרט,
צו בושות, בזיונות, פעראַכטונג און שפּאָט.

די געטליכע צונג איהם אויסגעשניטען,
און ס'האָט נאָך ניט אויפגעהערט בלוטען,

שוין איהם פערטויבט די אויערען,
פערטריבען און פערהאַקט די טויערען.

יאָ, ס׳איז דיר געלונגען, אַלמעכטיגער האַר
צו שאַפען טראַגיש און קאָמיש מאַטעריאַל
פון ישראל׳ן און פון זיין שר
דאָ, דאָרט און איבעראַל.

און, איך, שר פון אַ פאָלק אין דריטען גלות,
וואָרען אייך אַלע, שרים, שטערען און מזלות,
אַז דער האַר איז בכוח מקריב צו זיין
יעדען איינעם פון גרויס ביז קליין,
פונקט ווי ער האָט צו־בראָכען מיין אונשולדיג שעפעלע
זיין יעדען ביין!״

„יאָ!״ האָט דער האַר צאָרענדיג גערעדט מיט אַ געטליכען געבריל,
„יאָ, אמת, איך בין אויך דיכטער און דראַמאַטיסט,
אָבער דו ווייסט נישט מיין פלאַן. דו זיי שטיל,
דו שטיק וועלט־מיסט!
איך וואָרען דיך דאָס לעצטע מאָהל,
דו, בלוטיגער ׳צער׳ פון ישראל!״

די שכינה וויינט פאַר גאָט

ועודנו מדבר, דערשיינט די זיו־השכינה,
ס׳גיסען איהרע טרעהרען ווי אַ רינע:
„רבונא דעלמא כולא!
האָסט דאָך אַזוי מבזה געווען דעם שר של ישראל,
געמאַכט בלאָטע פון איהם, זיין אומה,ביידע
און בפני כל עם ועדה!

און פאַרוואָס האָסטו ניט קיין רחמנות
אויף אַנדערע אומות ? —
פון זיי מאַכסטו דאָך יאָ אַ צימעס !

און אויב וועסט אַלע, אַלע אומברענגען,
און מאַכען פון דער וועלט אַ קבר אַן ענגען,
טאָ וואָס וועט ווערען פון די אונשולדיגע דורות,
וואָס האָבען דאָך געזאָלט נאָך זיי נאָכקומען
צו מאַכען באַקאַנט דיין ליכטיגסטען נאָמען ?"

פון אונטער איהרע פליִעגלען / האָט זי אַרויסגענומען אַ מגילה /
איהרע טרעהרען האָבען צושמאָלצען די זיגלען,
קלאָגענדיג, „אפשר וועט דאָס האָבען אויף דיר אַ פּעולה."
און אַזוי ווי זי וויקעלט די מגילה אויף,
לייענט זי אַרויס נעמען פון קומענדע גדולים,
און לאַנג איידער זי קומט נאָך צום סוף,
ווערט אַ רעש, אַ געטומעל צווישען עולם.

און דער שכינה'ס קול ציטערט צווישען ווייען און נאָכווייען :
„די נעמען האָבען דאָך געזאָלט דיין וועלט בעניייען,
נישט נאָר מענשען, ווי מדבריות'ער מיט חכמה פערזייען,
נאָר פּלאַנעטען וואָס ליגען נאָך אין קייטען, בעפרייען.

קוק אַריין אין דער מגילה, זעה זייער יחוס !
אַ סך פון די גאונים שטאַמען פון בייזע רוחות,
צדיקים פון מזיקים,
קדושים פון פושעים,
גבורים פון לעבליך־וואָסערדיגע מענשעלעך

פון נעבעכדיגע שילטערלעך און בענשערלעך;
ווי אַזוי קען דיין געוויסען באַווייליגען
דאָס אַלעס צו פערטיליגען?"

גאָט'ס באַשולדיגונג

האָט גאָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי פאַלש פערשטאַנען:
דו זאָלסט אויך ריידען אַזעלכע רייד?!
ביסט דאָך מיט מיר דעם צווייטען שבת געשטאַנען
אויף דעם טורם פון פרייד;
האָסט דאָך אַליין געזעהען
אַלעס, וואָס דאָרט איז געשעהן,
ווי דער היכל איז געווען פול מיט מיין צומערזשעלט לעבען
מיט מיינע פונקען און מיט מיינע פלאַמען,
מעהר ווי אַלע שטערען און זונען צוזאַמען;
ווי איך האָב זיך צושטויסען און יעדען אַ חלק פון זיך געגעבען
און זיי בעשוואוירען צו האַלטען דאָס געשאַנק
אין האַרץ און צווישען די ליפען ווי קוילען מיט אַ צוואַנג:
ניט לאָזען אויסלעשען דעם ברען,
בלאָזען דערויף מיט'ן אָטהעם פון שם.
אָבער וואָס האָבען זיי געטהון, די פושעים?
דעם אייגענעם ניצוץ אויסגעלאָשען
און אַ פרעמדענ'ס אַ ניצוץ בע'גנב'עט און געדינט
און אַליץ צוליעב כבוד'ס פאַלשען גלאַנץ אָדער דעם ניצוץ'לאָזען גראָשען.

אין חדר אריין

ביסט דאָך אַזאַ גוטע און קלוגע, טאָ זאָג מיר,
ווי אַזוי קען איך פערשווייגען
דאָס, וואָס זיי האָבען מיך און אויך דיך
אַריינגעפּאַקט אין הימלישע שטייגען?
און אַז איך בעווייז זיך פאַר זיי און רעד צו זיי,
רופען זיי מיך „דער עליון", „דער אייבערשטער", „דער אויבערשטער".
בין איך דען ניט אויך דער אונטערשטער?
געוואַלד, וועלטען! געוואַלד! הנשמע כזאת?
איך בין דאָך אַן ׳עיליען׳ * אין מיין אייגען הויז!

זאָגסט, מיין טייערינקע שכינה, אַז איך האָב מבזה געווען ביידע,
ישראל׳ן און זיין שר בפני כל עם ועדה.
אמת; שרעקליך, גרויזאַם איז זיין חורבן, צער און בזיון.
ווייסטו אָבער פאַרוואָס?
ווייל מיך פערדריסט מעהר אויף איהם ווי אויף אַלע אומות,
וואָס אויך ער האָט ניט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון.
ישראל האָט דאָך באַרייזט די וועלט / און געדאַרפט וויסען בעסער פון
אַלע אומות, /
אַז פאַר׳ן זיסען טעם פון גן־עדן׳דיגען לעבען
קאָן ניט און טאָר ניט ווערען נמאס;
מען מוז ליעבען ס׳לעבען און אפילו דעם טויט פערגעבען!
קומט אַזאַ חוה . . .
/ מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איך וועל האָבען פון איהר צרות /
און מיט אַ שעהן מעשה׳לע שלאָגט זי מיט זיין
דעת און דת כפּרות.
און אויך ער, ישראל, האַנדעלט און וואַנדעלט מיט פרעמדע ניצוצים און
פלאַמען,

* אַ וואָרטשפּיעל, פון השם יתברך, ווייל אין ענגליש הייסט „עליון" אַ פרעמדער . . .

זעלטען איינער היט מיין עיקר געבאָט —
ווי אַזוי קען איך זיין זיין געטרייער גאָט ?
אַז קויפער צי פערקויפער,
בעפליקטער צי פליקער,
אחד ואחד / איינער ווי איינער /
איז אַ כופר בעיקר ! . . . .

לייבעלע שניידער

האָסט דאָך געקאָנט לייבעלע שניידער,
פון שמאַטעס און לאַטעס פלעגט ער אויסטאָקען כסדר
קיהלע און וואַרימע בגדים
פאַר'ן זומערדיגען און ווינטערדיגען בן־אדם.
ער איז דאָך געווען ממש אַ גדול,
ווען מיט מיין ניצוץ ס'האָט געשטראַהלט
זיין פינגערהוט, שעהר און נאָדעל.
גייט ער און טהוט זיך אויס פון שניידעריי
און טרענקט זיך איבער די אויערען אין סוחר'עריי.
איך שריי און שריי,
לייבעלע ! לייבעלע ! ראַטעווע זיך !
אָבער לייבעל שניידער הערט מיך אַ סך ? !
ער געט נאָך אָב צו מיר אַ שבח :
געלויבט ביסטו, הימלישער פאָטער, ,
וואָס איך בין פון שניידעריי פטור !
און לייבעל שניידער, איינער פון די צדיקים גמורים,
גייט אונטער צווישען די פושעים, עוכרים,
די עשירים גבירים און סוחרים.

פאַר׳ן מלך מלכי המלכים פּאַסט עס
צו נעהען פאַר אַלע זמנים נייע קליידער,
אָבער ווי פּאַסט עס פאַר לייבעלע שניידער ? !

גדליה גאָלד־סוחר

אדער נעם, למשל, שכינה־לעבען, גדליה גאָלד־סוחר.
ער פלעגט ברענגען נאָך ירושלים דאָס ריינסטע גאָלד
פון אופיר
דורך כל־ערליי וועגען און שטעגען,
אפילו דורכ׳ן אייזערנעם לייב פון חושך
בעוואַקסען מיט שטאָהלענעם שטעכעדיגען רעגען.
און ווען שלמה האָט ס׳בית־המקדש פאַר מיר געבויט,
האָט גדליה׳ס גאָלד בעדעקט דעם משכן,
ווי אַ מעדעלס געדרויטעלטע הויט.
און די ניצוצים פון גאָלד האָבען אומעטום
געוועקט אין די זעהערס דעם רוח אלהים.
געהט גדליה גאָלד־סוחר
און וואַרפט אַוועק דאָס גאָלד פון אופיר
צוזאַמען מיט זיין עהרליכער וואַגשאָהל
און ווערט גאָר אַ סופר בישראל !
שריי איך דאָך,
אוי, אַ בראָך !
נאַריש קינד ! נאַריש קינד !
דיין ניצוץ, גדליה, איז דאָך פאַר גאָלד, —
פאַר גאָלד, נישט פאַר טינט !
ער איז אָבער פערליעבט אין דעם כבוד פון שרייבערײ
און האָרכט מיך ווי דעם פאַריעהריגען שניי.

איך אַליין האַנדעל און וואַנדעל,
פֿאַר אַ ברעקעלע אמת גיב איך אַ ליכטיגע נשמה;
פֿאַר אַ ראָזשינקע — אַ מאַנדעל;
פֿאַר חרוסת געב איך כוסות;
פֿאַר אַ ביסעלע זוימען,
געב איך אַ גאַנצען סאָד מיט פלוימען.

און יברך שמי,
מ׳לעהגט, חלילה, נישט צי,
אָבער גדליה׳ן פֿאַסט נישט צו זיין אַ סוחר, —
אונשטערבליכקייט, ווי כביכול, ברויך ער!

בניִלי דער באַנקער

קיינער ווייס דאָך ניט אַזוי גוט ווי דו,
ווי איך ליעב פון זילבער די רוה,
און ווי איך האָב סכנותדיק האָלד
די ליידענשאַפט פון גאָלד.
דו, מיין שכינה׳ניו, דו ווייסט דאָך,
וויפיעל אין זילבער איך האָב אַריינגעגאָסן טרעהרען
און וויפיעל אין גאָלד, אַריינגעבראַקט שטערען.
וויפיעל פיוטים, און געבעטען
איך האָב אין זיי אַריינגעקנעהטען,
און ווי איך האָב זיי באַהאַלטען אין מיין ערדיש גן־עדן,
זיי זאָלען דיענען אַ רפואה פון פריינדשאַפט און פריידען.
און דו ווייסט דאָך וואָס פון זיי איז געוואָרן:
ווי ס׳פנים פון זילבער האָט טויט געבלייכט,

אין חדר אַריין

ווי ס׳געשריי פון גאָלד האָט צו מיר דערגרייכט
און געגען מיינע קינדער געצונדען מיין צאָרן.
און דו געדענקסט דאָך ווי איך האָב שטאָלצירט
מיטן זעלטענעם בנילי, דעם באַזעהלטען באַנקער,
וואָס האָט זיך צו יענעמס אַ פּרוטה / מיט יראת־הכבוד צוגעריהרט /
ווי צו יענעמס אַ טרעהר;
ער האָט דאָך פאַרשטאַנען און געפיהלט אַזוי גוט,
אַז זילבער איז שווייס און גאָלד איז בלוט.
טראַכטען זיך ער פלעגט:
„וואויל איז מיר, וואָס איך צייל און וועג
די דויערענדע פּירות פון די פאַרוועלקטע טעג."
און פון בנילי׳ס ניצוץ איז געוואָרען אַ פלאַם,
פון אַ זאַמדעלע — אַ באַרג, פון אַ טראָפּען — אַ ים.

און איך קוק זיך אַרום איין שיינעם טאָג,
אוי, אַ בראָך! אוי, אַ קלאָג!
בנילי, האָט פאַרשלאָסען די באַנק,
און ס׳איז ענטרינען פרייד פון גאָלד
און פון זילבער דער קלאַנג.

עס איז איהם אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ
צו ווערן אַ פילאַנטראָפּ,
ער ציילט צדקה מיט אַ פולער האַנט,
אָבער אָהן טאַקט, אָהן טאַלאַנט,
אָהן תּפילה, אָהן פאַרשטאַנד.

„בנילי, בנילי", בעט איך זיך ביי איהם
פאַר צדקה האָסטו דאָך ניט דעם ניצוץ אלהים.
דו זייעסט קערנער,
און שניידסט דערנער,

גיי ליעבערשט דיענען מיינע קינדער אין באַנק,
מאַכסט דאָך מיך בדיל־דל! און טויט קראַנק!
בנילי אָבער טענה׳ט: ס׳איז „אונמאָראַליש“ צו זיין אַ באַנקער;
צדקה טהון איז זיין „אויבערשטענס“ באַגעהר!

איך שעהם זיך ניט צו זיין אַ באַנקער,
איך האָב אָהן עין הרע צוויי טויזענד מיליאָן קליענטען.
(און אפשר מעהר)
און איך באָרג אויס (אָהן גאַראַנטיעס) מיינע קליענטען
זילבערנע טעג און גאָלדענע נעכט אויף פּראָצענטען,
און פאַר יעדן דור צאָהלען זיי מיר,
פאַר איין דור — צוויי און פאַר צוויי — פיער.
אָבער אָרימער בנילי איז געפאַלען שווער
אונטער דער השפעה
פון דער פאַלשער נייער תורה,
אַז דאַמיט וואָס ער איז אַ באַנקער,
טוט ער אַ גרויסע רעה
דעם עתיק יומין, דעם אַנטיק בורא!

יאַשעק קוימענקערער

געדענקסט דאָך אויך יאַשעק׳ן, מיין טייערען שאַץ,
ווי ער פלעגט דאָס קלעטערען געשיקט, ווי אַ קאַץ,
איבער צוימען, ווענד און דעכער,
צו רייניגען די קוימענ׳ס לעכער.
ווען פונקען זיינען געפלויגען
פון האַלז פון קוימען,
געדיכט ווי רויגען,

אין חדר אַריין

און געשטעלט אין געפּאַהר אַרומיגע רוימען,
פלעגט יאַשעק פאַר אַ שיבוש, פאַר אַ צווייער, אַ דרייער,
איבערקעהרען וועלטען
און ראַטעווען פון דער צונג פון פייער.

פערגליסט זיך יאַשעק קוימענקעהרער
צו ווערען מיין דינער און פערעהרער.
צלמ׳ט זיך און בעט זיך ביי מיר טאָג און נאַכט.
און ס׳שטעדטיל ברענט, — ניט פאַר קיין שטעדטיל געדאַכט, —
בעט איך זיך ביי איהם
כמעט אויף די קניהען,
יאַשעק! יאַשעק!
איצט איז נישט די צייט פאַר צלם׳ען און ציהען דעם דאַשעק!
געב בעסער אַכטונג אויפ׳ן ניצוץ דיינעם —
נאָר דערמיט קענסטו מיך דינען און בעשיינען.

קוימענס, זאָגט ער, זיינען שוין נישט מעהר זיין זאַך;
ער דינט דעם „אויבערשטען״, וואָס שטעהט העכער
פון אַלע קוימען לעכער! —
נו, געה מאַך!

איך ווער פערשוואַרצט, מוז היטען יעדען פונקענדיגען שטערען,
ער זאָל מיר נישט, חלילה, מיין וועלט צושטערען;
איך נעם נישט אַראָב מיין בליק
פון דער זון און לבנה,
די קוימענס פון מיין וועלט פאַבריק,
אָבער יאַשעק וואַרפט אַוועק מיין מתנה,
בעזים און שטריק,
און פראַוועט זיינע פרומע שטיק!

נו, פרעג איך דיך, איז דען מיין האַרץ אַ שטיין,
אין דער ערד טיעף געזונקען,
זיי זאָלען אייביג טרעטען אויף מיינע פונקען
און איך זאָל זיי אייביג מוחל זיין ?
יאָ, איך האָב אָוועקגעקוקט און מוחל געווען
אויף אַלעם שלעכט און בייזען, / וואָס איך האָב געזעהן, /
אָבער צוקוקען ווי דער ניצוץ און שלהבת
לעשט זיך אויס ווי אין קאַלט וואַסער, הייס אייזען,
בלי פטירה ובלי קבורה ;
ווי מען פערטוישט אויף הבל הבלים דעם כוח היצירה,
ווי די שרצים צוטרעטען, צוקוועטשען ניצוצים ;
ניין, דאָס קען איך נישט, ניין !
איך האָב גוזר געוועהן ! —
אַזוי מוז עס זיין,
אַזוי מוז עס געשעהן !

אַ בת־קול פון אַ גלות־מאַמע

און ניט אַמאָהל, מיינע קינדערלעך, ניט אַמאָהל, / נאָר אין אונזערע
מלחמה טעג האָט עס געטראָפּען /
ווען דער יאוש פון שר און ׳צער׳ של ישראל
האָט אויסגעלאָשען די לעצטע שטראָהל פון האָפען,
ווען פון מענשען־קינדער מיניבים מיליאָנען
זיינען שוין נישט געבליבען קיין סימן־סמנים
און ס׳זיינען שוין אַריינגעפאַלען לענדער נאָך לענדער
אין די הענד פון ראַקער, שינדער און שענדער,
דאָס אַ בת־קול פון אַ גלות־מאַמע, פון גלות־קינדער,

אין חדר אַריין

איז פון עמק־הבכא אַרויף, אַרויף
אַנגעריהרט יעדען שטערען בעזונדער
און טיעף אַריין אין האַרץ פון אין־סוף.

„רבש״ע, טאָהרסט, אסור, נישט האָבען קיין תערומות
אויב דער מענש האָט תרעומות אויף דיר,
אויב זיין וועלט ווערט איהם מיאוס און נמאס,
שפּעטער אָדער פריהער.

אָה, אב הרחמים שוכן במרומים ובתהומים!
געטרייער שומר פון אַלע עלענדע שומרים,
איז עס דען מעגליך דו זאָלסט דעם גאַנצען מענשלעכען מין
נישט פערגעבען?
און פון איהם צוריקנעמען דיין ליעבע מתנה — דאָס ליעבע לעבען,
וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיעל אַכפּערקייט און ליידענשאַפט
איהם געגעבען?

איז עס דען מעגליך, דו זאָלסט נישט בלייבען טריי
דיין האָפערדיגען, הייליגען נאָמען,
׳אל־חי׳,
וואָס איך בין ניט ווערט צו דערמאָנען?

און אויב דו האָסט שוין גוזר געווען
און ס׳איז שוין געשעהן
און איך בין שוין געקומען פאַר דיר צו שפּעט
מיט מיין אָרעם געבעט,
טאָ איז שוין בעסער, זאָלסט אַלע אומות־העולם
און אַלע לייטען
פערברענען, דערטרענקען, דערשטיקען און טייטען
איידער מאַכען זיי גלות־פליטים!

מיר? — מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צום אָך און וויי,
מיר אידען האָבען דאָך שוין אַ גלות־לשון פאַרן וויי־געשריי,
אָבער די אומות־העולם, זיי! זיי! . . . "

האָט אויף דעם פנים פון הקדוש ברוך הוא
דער זילבערנער מאָרגענשטערען געגלאַנצט,
זיין סליחה־טרעהר
און לכבוד דער סליחה־טרער האָט געטאַנצט,
אַ קדוש־קדוש־קדוש טאַנץ,
דער זיבען שטערענדיקער בער.

אָפּקלאַנגען

דעם בעלפער׳ס אויסרוף

הערט אויס, קינדערליך, בני ובנות ישראל,
וואָס איך האָב צו אייך, שארית־הפליטה, צו זאָגן:
פון זמן צו זמן, איבער בלאָטיגען־בלוטיגען באַרג און טהאָל,
האָב איך אייך אויף מיינע שוואַכע פלייצעס געטראָגען,
און דאָס האָט נאָר געקענט געשעהן,
ווייל מיינע פליעגלען זענט איהר געוועהן.

איך האָב אייך געוויזען דעם ליכטיגען וועג,
וואָס שטראַהלט אַרויס פון נייעם בראשית
ביז די אחרית־הימים טעג,
און דאָס האָט נאָר געקענט געשעהן,
ווייל דורך אייערע קינדער־אויגען
האָב איך גאָט געזעהן.

און ווען ע ר איז בייז געוואָרען,
און אין ז י י ן גרויזאַמען גרימצאָרן
מיינע פליעגלען צופליקט, צובראָכען,
מיינע אויגען אויסגעשטאָכען,
האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט
אין פאָדערשטע ווינקלען
פון אונזער חורבה־וועלט
און הויך אויסגערופען:
„דער אל־צבאות,
ער ווייס פאַרוואָס
ער טהוט זיין בעלפער שטראָפען!“

פרעגט ישראליקעל

ווער קען מיר זאָגען,
ווער ס׳האָט מיך געטראָגען
אַריבער דעם רויטען ים?
— משה בן עמרם,
ער האָט דיך געטראָגען
ווי אַ בעפרייטען פלאַם
אַריבער דעם רויטען ים!

ווער קען מיר זאָגען,
ווער ס׳האָט מיך געטראָגען
אַריבער דעם ירדן דעם בלאָהען?
— יהושוע בן נון,
ער האָט דיך געטראָגען
ווי אַ בעפרייטען פאָהן
אַריבער דעם ירדן דעם בלאָהען!

ווער קען מיר זאָגען, ווער ס׳וועט מיך איצט טראָגען
אַריבער זיבען רויטע ימים אַהיים?
— אַצינד, אַצינד,
דערוואַקסען קינד,
מוזטו זיך טראָגען אַהיים,
אַליין!

וואָס וואָלט מיט די זיבען טעג געשעהן

רביניו, רביניו, וואָס וואָלט מיט די זיבען טעג געשעהן
אויב ישראל וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען?
— זיי וואָלטן אין חושך געבליבן
ווי אַ שריפט שוואַרץ אויף שוואַרץ געשריבען;
זיי וואָלטען געוואָרען פאַרצעהרט
ווי טרעהרען פון טריבע טעג געטרעהרט.

רביניו, רביניו, וואָס וואָלט מיט די מלאכים געשעהן
אויב ישראל וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען?
— זייערע פליגלען וואָלטען געלעגען אין ווינדען געבונדען,
אויגען קיינמאָהל ניט פון פרייד אָנגעצונדען.
זייער שליחות וואָלט ניט דערגרייכט די וועגען,
טראָגעדיקע וואָלקענס, אָבער קיין רעגען.

רביניו, רביניו, וואָס וואָלט מיט דער וועלט געשעהן
אויב ישראל וואָלט ניט געווען?
— אויב ס׳וואָלט חלילה ניט געווען ישראל,
וואָלט די וועלט געווען אַ פעסטונג פון שטאָהל,
קיין אָטהעם אין דעם שם,
און דאָס וואָרט פון גאָט אין קלעם.

פֿון חדר בעפֿרייט!

אידעלעך! ישראליקלעך!
פֿון חדר בעפֿרייט!
לויפֿט, פֿליהט ווי קראַליקלעך,
בעפֿינקעלט און בעניייט.

שאַהלט אויס פּאַר אַלע קינדערלעך
די בשורה, וואָס קלימפּערט איצט אין אייך;
דערצעהלט ס׳זאַמדעלע, ווי וואונדערליך,
דערהויבט ס׳שפּלות צו הויכער הייך!

זאָל עמלק זעהן נישט בחינם, בלא דבר,
האָט ישראליק פֿון קאַנטשיג געקריגען געשלאָגען!
עס איז געוועזן דער ווילען פֿון האַר,
ער זאָל האָבען צו זינגען, צו זינגען און צו זאָגען.

פֿון אַלעם בייזען, שטאַרקער פֿון אייזען,
פֿון פֿינסטערען זאַק, פֿון מרה־שחורה,
דעם ניצוץ־אלהים אויסצולייזען,/זיין שעפּערישע שעהנקייט צו ווייזען,/
צו פֿערלייכטערען דעם עול פֿון בורא.

אידעלעך! ישראליקלעך!
פֿון חדר בעפֿרייט!
לויפֿט, פֿליהט ווי קראַליקלעך,
בעפֿינקעלט און בעניייט.

פון חדר באפרייט.

ס׳חדר ווינט

ווען דער בעלפער איז צוריק אין ליידיקען חדר אַריין,
האָט ער פון יעדען ווינקעל דערהערט אַ דערשטיקענד געוויין,
ווי אַ מאַמע וואָס האָט איהרע קינדער אויסגעגעבען
און איז געבליבען אַליין מיט איהר איינזאַהם לעבען.

„וואָס מאַכט איהר אַצינדער, מיינע קינדער ?
מיינע וואונדען! מיינע ווינדער!
צי לעבט איהר די לעהרע צווישען מיינע ווענט געהערט ?
אָדער, חס־וחלילה, פאַרקעהרט.

מיט מיינע זעקס פליגלען האָב איך דאָך אייך,
ווי אַ גוטער מלאך תמיד באַשיצט,
אייער וועהטאָג און שמייכעל, ווי לייכט,
איז דאָך אויף מיין פנים אויסגעקריצט.

אוי! וואָס מאַכט איהר, מיינע קינדער, איצט ?

איך האָב דאָך אייך איינגעוויקעלט אין אַ הייליגע מגילה,
אייך געוויזען דעם וועג צו דער היילענדער גאולה,
נו, וועט איהר היטען דעם ניצוץ, ווי דעם פאָטער פאַרשפּראָכען
און לעבען גן־עדן׳דיק אין דערוואָכען ?

אָפּקלאַנגען

אָדער בלייבען הפקר אין גאַס,
פאַר׳סם׳ט פון האַסען און האַס;
אויף בראָך צובראָכען,
פון שנאה אַדורכגעשטאָכען?

אוי, קינדער, קינדער! מיינע קינדער!
מיינע וואונדען! מיינע ווינדער!“

אַזוי האָט ס׳חדר געטרעהרט טייכען,
יעדע טרעהר אַן אויס־געשריי־צייכען,
אויסגעברענט אין האַרץ פון בעלפער טיעפע לעכער,
אַ האַרץ, אַ פאַרשוועכטער קידוש־בעכער.

* כמעט אַ פערטעל פון די ליעדעלעך זיינען ערשינען פאַר די לעצטע צוויי יאָהר אין די חודש־העפטלעך וואָס א. נ. שטענצל גיט אַרויס אין לאָנדאָן,

* געהאָלפען צו דער קאָרעקטור פון בוך האָט מיר דאָס גוטע אויג פון דר. י. ה. קלינגער.

* פאַר דעם פוילישען דיאַלעקט און אויסלייגעכץ, אין טייל שטעלען, בין איך אַליין שולדיק. זאָלען מיר ליטוואַקעס מוחל זיין!

* די צייכנונגען פון שער־בלאַט און פון „חדר באַפרייט“ זיינען פון מיין זיבען יעהריג מעדעלע: י מ י א ל.

* נאַטירלעך, בין איך טיעף דאַנקבאַהר די אויבענדערמאָהנטע, בפרט שטענצלן, וואָס האָט מיין נשמה דערוואַרעמט; ווי אויך אויך אַלע מיינע נאָענטע פריינד (און מיינע ווייטע זיינען מיר דאָך אויך נאָענט); אַלע, וואָס האָבען מיך ערמוטהיגט אין דער עבודה. אַ געזונד אין אייערע ביינדעלעך.

משה עובד.

לאָנדאָן.

ה׳תש״ו.

*

אינהאלט

קאַ־קאַראַ־קאַ VII

לימודים פאַרן ערשטען זמן —
אלף־בית און „עלעמענ־טהרה"־בילדונג:

די אידעלעך פון אלף־בית 2
דער וויגעשריי פון די נקודות 4
די כ און ח באַלאַדע 6
קרוין פון טרעהרען 8
די שמחה מיט דער ה 9
אידישע האַנדשריפטען 12
אינזערע העלדען פון וואָרט 14
חכמת הזמנים 17
תחיית־ המתים 19
דער אבן־טוב אין הימעל 21
דער גלות־גאון 23
לאַנדאַנס יחוס 25
חכמת־החשבון 28

לימודים פאַרן צווייטען זמן —
אויף דעם הויכען הר־השירה
(ישראל׳ס זיבען טויזענד יעהריגער פלאַן).

אויף דעם הויכען הר־השירה 32
דאָס זמירות פון דער שבת־מלכה 34
דער וויגעשריי פון די וואָכענדיגע טעג 44

לימודים פאַרן דריטען זמן —
אַ נייע מעשה־בראשית:

דער ערשטער שבת בראשית 54
זעהר גיט גוט 57
די שכינה זוכט גאָט 59
דער בורא ווייזט דער שכינה די וועלט 62
דער ניצוץ 67
אדם וחוה 69
מזל ־ טוב 71
אַ קעצעלע 74
חוה׳ס אומגליקליכע לעגענדע 78

אינהאלט

לימודים פאַרן דריטען זמן —

דאָס שפּיגעל ליעד 81
חוה'ן נעבעך קרענקט און נאָך אדם'ן זי בענקט 82
חוה אין שפּיטאָל 83
חוה'ס טרויער־און־טרייסט ליעד 86
פון טרויער צו פרייד 89
אדם זוכט חוה'ן 90
חוה'ס מאַלפּע רעדט דבורים 96
דער אלף־בית טאַנץ 100

לימודים פאַרן פיערטען זמן —

אַ מעשה נורא וואָס האָט געטראָפען מיטן בורא

אַ סצענע צווישען גאָט און ישראל'ס אַמבאַסאַדאָר 106
די שכינה וויינט פאַר גאָט 109
גאָט'ס באַשולדיגונג 111
לייבעלע שניידער 113
גדליה גאָלד־סוחר 114
בנילי באַנקער 115
יאַשעק קוימענקערער 117
אַ בת־קול פון אַ גלות־מאַמע 119

אָ פּ ק ל אַ ג ג ע ן

דעם בעלפערס אויסרוף 123
פרעגט ישראליקעל 124
וואָס וואָלט מיט די זיבען טעג געשעהן 125
פון חדר באַפרייט 126
ס'חדר וויינט 128

פון זעלבען מחבר אין אידיש:

ארויס פון כאאס 1917

לעבענס - ליעדער 1924

האנדעל און לעבען
וויזיאנען און איידעלשטיינער
} אין איין באַנד
אויטאָביאָגראַפישעס 1931

By the same Author in English:

OUT OF CHAOS 1918

VISIONS AND JEWELS 1925

GEMS AND LIFE 1927

THE BOOK OF AFFINITY 1933
(Coloured Drawings by Jacob Epstein)

FOR THE SAKE OF THE DAYS 1940

ס׳רוב פון די ביכער זיינען איצט שווער צו באַקומען אויפן ביכער־מאַרק. זיי געפינען זיך אין די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקען פון לאָנדאָן, ירושלים און ניו־יאָרק.